קונטרס

# אמת ואמונה

# שלמי תודה

נביע בזה להרבנים הגאונים שליט״א אשר ביחד עם תלמידי רבינו זי״ע המופלגים טרחו הרבה בהוצאת הקונטרס הנוכחי, ובפרט לידידינו הנעלה האברך החשוב והמפואר איש האשכולות לשונו עט סופר מהיר הרה״ח ר׳ **אלעזר אלימלך שטערן** שליט״א, שהשקיע בו הרבה עמל ויגיעה להוציא מתח״י דבר שלם ומתוקן. ישלם ה׳ פעלם ומשכורתם כפולה, וזכות רבינו הקוה״ט זי״ע יעמוד להם ולביתם לראות נחת דקדושה מכל יוצ״ח, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות מתוך נחת והרחבת הדעת ובכל אשר יפנו יצליחו

כברכת

**הנהלת בנות א״י בית פיגא**


אין אמעריקע

אפיס פון:

מוסדות יטב לב דרבינו יואל

150 Rodney Street

Brooklyn N. Y. 11211

(718) 387-4985

(914) 783-8798



© Copyright 1987 By

Yetev Lev Brooklyn N. Y.

זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו

בס״ד

קונטרס

# אמת ואמונה

אויפקלערונג אין קורצען וועגען די יסודות פון אמונה,
הלכות, ענינים, קלאָרע השקפה
פון
רבינו הקדוש איש האלקים
קודש הקדשים רבן של כל בני הגולה

## מרן יואל טייטלבוים זי״ע

אבדק״ק סאַטמאר
וגאב״ד של העדה החרדית בעיה״ק ירושלים ת״ו

וועגען ענינים וואָס זענען פאַרבינדען מיט׳ן אויפקום
פון די מדינה הציונית, און דער חיוב על פי הלכה צו
באַקעמפען דעם רעיון און זיך דערווייטערן פון יעדען
שייכות מיט די ציונים און זייערע פאַרבינדעטע
אַרויסגענומען פון זיינע הייליגע ספרים
ויואל משה — על הגאולה ועל התמורה

דער קונטרס איז געצילט צו געבן אַ אויפקלערונג אין די יסודות פון ריינע אמונה, וואָס רבינו הקדוש זי"ע האָט מיט גרויס מסינ"פ איינגעוואָרצעלט. אָבער דאָס איז נאָר אַ טיפה מן הים פון די פילע ענינים וואָס ווערן מבואר אין ויואל משה על הגאולה ועל התמורה, וועגען די האַרבע איסורים וואָס זענען פאַרבינדען מיט די מדינה הציונית, און וועגען דעם חיוב פון ערליכע אידן צו לערנען און פאַרשטיין די שעדליכקייט פון האָבן אַ שייכות מיט זיי, און מיט די וואָס זענען פאַרבינדן צו זיי.

דער ציל פון דעם קונטרס איז אַז עלטערן זאָלן איינוואָרצלען אין די אינגע קינדער, זון און טעכטער, די ריינע אמונה און קלאָרע השקפה אין די ענינים וואָס דער טעות איז פאַרשפרייט אין די אידישע וועלט, כלשון רבינו הקוה"ט זי"ע בקונטרס על הגאולה ועל התמורה סי' פ"ו: **"וכלל זה יהי' שמור בידך וקבעם על לוח לבך לעולמים ותטע אמונת אומן בלב בניך ובנותיך למען ידעו דור האחרון ממציאות הנסיונות המוכנים על דורינו השפל,"** עכלה"ק.

זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו

ספר

# ויואל משה

לבאר דיני השלש שבועות, שנאמרו בנביאות, בעניני קץ
הישועות, גם לבאר דיני מצות ישיבת אה״ק וכל
המסתעף בענינים אלו להלכה ולמעשה

אשר אספתי ולקטתי ממקומות הנאמנים וברורים בחמלת ה׳ עלי
בזכות אבותי ורבותי הקדושים נ״ע זלה״ה זי״ע ועכ״י

הק׳ יואל טייטלבוים

מהדורה חמישית — מתוקנת מכתי״ק
אלול תשל״ח

יצא לאור ע״י
אפרים יוסף דוב אשכנזי
בהוצאת בית מסחר והוצאת ספרים „ירושלים״

נדפס בבית דפוס
סענדר דייטש
ברוקלין, ניו יורק

צילום השער מספר הקדוש ״ויואל משה״

# אינהאַלט


* הקדמה א
* דער ציל פון ספר הקדוש "ויואל משה" א
* די דריי שבועות ג
* אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח ד
* די געוואַלדיגע סכנה פון פּראָבירן צו צואיילן די גאולה ה
* די ציוניסטישע באַוועגונג י
* ווי ווייט מען דאַרף זיך דערווייטערן פון ציוניסטן יד
* די קאָלאָניעס יד
* די רבנות הראשית טו
* מען טאָר זיך נישט באַהעפטן צו ציונים אפילו אויפצוטאָן טו
* דער אויפקום פון די מדינה טז
* דער עונש פון "אני מתיר את בשרכם" יז
* ה' אייר יח
* שפיכת דמים יט
* די וואַלן (בחירות) כ
* זיי ווילן נישט דערמאַנען דער נאָמען פון השי"ת בשום אופן כו
* גזירות רעות כו
* מחאות כח
* ישוב ארץ ישראל כט
* געלט שטיצע פאַר מוסדות התורה ל
* לשון הקודש לא
* אמתע נסים און פאַלשע נסים לד
* כותל המערבי לו
* מען טרעט אויפן מקום המקדש לז
* דער ריכטיגער באַדייט פון אחרי רבים להטות לז
* דער שעדליכער איינפלוס פון די מידיאַ מז
* לימוד זכות און אהבת ישראל מח
* די אויסטערלישע הצלחה פון ציוניזם — אַ שווערער נסיון מה

# הקדמה

## ספר "ויואל משה"

דאָס הייליגע ספר ויואל משה האָט רבינו הקדוש זי"ע געשריבן אויפצואווייזען דעם קלאָרן פסק הלכה פון די הייליגע תורה ווענגן די ציוניסטישע מדינה וואָס רופט זיך מדינת ישראל, און אַז ערליכע אידן וואָס גלייבען אין באַשעפער דאַרפן זיך דערווייטערן פון זיי, און ח"ו נישט האָבן די מינדעסטע שייכות מיט די ציונים.

די אַלע ענינים וואָס דער רבי זי"ע שרייבט אין "ויואל משה" זענען געבויעט אויף פעסטע יסודות פון שולחן ערוך, און זענען קלאָרע און פעסטע דינים וואָס יעדער איד דאַרף זיך פירן לויט זיי.

דער רבי זי"ע האָט נישט געשריבן זיין ספר אַלס אַ חסידיש ספר מיט חומרות אָדער מידת חסידות, דער רבי זי"ע שרייבט אין שער בלאַט, איך שרייב דעם חיבור להלכה ולמעשה, עס האָט זיך נישט געטראָפן קיין איינער פון די רבנים גאונים וכו' וואָס זאָל האָבן, — בחיים חיותו, — אָפּגעווענדעט איינס פון די הלכות וואָס זענען גע'פסק'נט אין ויואל משה.

ווען דער רבי האָט געשריבן דעם הייליגן ספר האָט ער זיך באַגעגענט מיט די גרעסטע גדולים און גאונים פונעם דור און קיינער האָט נישט געהאַט וואָס צו פרעגן קעגן די הלכה'דיגע באַהויפּטונגען וואָס דער רבי זי"ע האָט אויפגעוויזן.

די אַלע ענינים וואָס זענען באַשריבען אין ויואל משה זענען גרונד פרינציפּן עיקרי האמונה.

אַ איד וואָס גלייבט אין באַשעפער און אין זיין הייליגע תורה ווערט נאָר גערופן דער וועלכער איז אַ מאמין אין די דרייצן עיקרים. ווער עס פאַרלייקענט אָדער צווייפעלט אין איינעם פון די דרייצן עיקרים איז אַ אַפּיקורס — אַ מין. דער גאַנצער אויפקום פון דעם ציוניסטישן געדאַנק — די לאָזונג פון אויפשטעלן אַ אייגענעם שטאַט און אַליין אַרויסציען אידן פון גלות קעגן רצון פון באַשעפער — איז אַ כפירה אין די אמונה אין ביאת המשיח.

דער רבי זי"ע שרייבט: די אמונה אין באַשעפער און אין זיין הייליגע תורה איז אין קעגענזאַץ צו די אמונה אין די מדינה, עס איז אוממעגליך אַז דער זעלבער מענטש זאָל אין זיך האָבן ביידע אמונות, ווייל דאָס זענען צוויי פאַרקערטע זאַכן

מן ההיפוך אל ההיפוך.

די אַלע ענינים וואָס ווערען ערקלערט אין ויואל משה זענען אין אַלע דורות געווען קלאָר פאַר יעדן איד, אידן האָבן אין דעם לאַנגען גלות געוואוסט אַז מיר טאָרן נישט אַרויס גיין פון גלות נאָר ווען עס וועט זיין דער רצון ה׳ אונז אויסצולייזען, אידן האָבן געוואוסט אַז מיר טאָרן נישט בונטעווען קעגען די אומות העולם.

אידן האָבן געוואוסט אַז מען דאַרף זיך דערווייטערן עד קצה האחרון פון פושעים און כופרים. אין אַלע דורות איז דאָס געווען אַ דבר פשוט, אַז מרשעים יצא רשע, דאָס איז מבואר אין תורה נביאים כתובים אויף פילע ערטער, אַז מען דאַרף אַנטלויפען פון רשעים כמטחוי קשת. און נישט נאָר פון די רשעים נאָר אויך פון פרומע וואָס באַהעפטן זיך צו רשעים דאַרף מען זיך דערווייטערן. און נאָכמער, פון די פרומע וואָס האָבן אַ שייכות צו רשעים דאַרף מען נאָך מער אַכטונג געבן, ווייל זיי זענען געפערליכער, דאָס געפאַר פון זיי איז פיל מער ווי פון די רשעים זעלבסט.

אָט די הלכה ברורה האָבען די גאונים און צדיקים קדושי עליון תלמידי החתם סופר דורכגעפירט, הלכה למעשה, אין אונגאַרן. זיי האָבען מיט מסירות נפש דורכגעפירט די טיילונג, געגצליך אָפצורייסען פון כלל ישראל די רעפאָרמער (נעאָלאָגען) און גלייכצייטיג אויך די פרומע וועלכע האָבען נישט מיטגעהאַלטן די טיילונג. אין אַנדערע מדינות ווי די טיילונג איז נישט דורכגעפירט געוואָרן בפועל, האָבן די גאונים און צדיקים געזאָגט בפה מלא אַז אויך דאָרט וואָלט דאָס געדאַרפט דורכגעפירט ווערען נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפעט. והיא שעמדה, דאָס איז בייגעשטאַנען פאַר׳ן אונגאַרישען אידנטום. אַז עס האָט געבליעט די אָרטאָדאָקסיע לשם ולתפארת.

(אין אַלע מדינות אין אַלע צייטן איז דאָס אָבער געווען אַ דבר פשוט מאד אַז מען דאַרף זיך דערווייטערן פון רשעים, נאָר דער חילוק איז געווען אַז אונגאַרן האָט מען געמאַכט אַ שלימות׳דיגע אַרבעט, מ׳האָט זיי מוציא געווען מן הכלל לגמרי). און ס׳איז ידוע אַז די גדולי הצדיקים אין פוילין האָבן געזאָגט אַז אויך דאָרט וואָלט מען געדאַרפט דורכפירן די טיילונג, נאָר מ׳האָט דאָס נישט געטאָן באַצייטענס, און עס איז שוין געווען צו שפעט.

אין דעם דור נאָכ׳ן חורבן זענען ליידער פאַרגעסן געוואָרן פילע יסודות, די הקמת המדינה האָט פאַרנאַרט דעם גרויסן חלק פון כלל ישראל צו טראַכטן היינט איז אַנדערשט, דערפאַר האָט דער רבי זי״ע פאַרפאַסט דעם ויואל משה

אויפגעוויזן אַז זאת התורה לא תהא מוחלפת, אַלע יסודות פון אַמאָל עקזיסטירן אויף אייביג. די האַרבע איסורים פון מרידה באומות דחיקת הקץ וכו' זענען בתוקפם.

## די דריי שבועות!

השי"ת האָט באַשוואוירען אידישע קינדער מיט דריי האַרבע שבועות. די ערשטע שבועה איז "שלא יעלו בחומה" אַזוי לאַנג ווי אידן זענען אין גלות טאָרן זיי זיך נישט גרופירן אין גרעסערע גרופעס און מיט אַ פאָראייניגטען כח אַרויפגיין קיין ארץ ישראל.

די צווייטע שבועה איז "שלא ימרדו באומות" אידן זאָלן נישט רעוואָלטירן קעגן די פעלקער. אידן דאַרפן זיין אונטערטעניג אין גלות און נישט אויפהייבן דעם פאָן פון רעוואָלוציע קעגען די אומות העולם.

די דריטע שבועה איז "שלא ידחקו את הקץ" אידן זאָלן זיך נישט צו איילען אַרויסצוגיין פון גלות פאַר די באַשטימטע צייט. מיר דאַרפן זיצען און וואַרטען ביז השי"ת וועט אונז אויסלייזען דורך משיח צדקינו.

חכמינו ז"ל זאָגען (כתובות דף ק"י) אויפ'ן פסוק "השבעתי אתכם בנות ירושלים בצבאות או באילות השדה" אַז השי"ת האָט באַשוואוירען אידן מיט אַ האַרבע וואָרענונג זיי זאָלען האַלטן די דריי שבועות. זאָגט השי"ת צו אידן: וועט איר היטן די שבועות איז גוט, אויב נישט דעמאָלט אני מתיר את בשרכם כצבאות או כאילות השדה — איך וועל מפקיר זיין אייער פלייש און בלוט פונקט אַזוי ווי מענטשן ערלויבן זיך צו טאָן מיט חיות פון וואַלד מען שיסט זיי אָן קיין חשבון.

דער רבי זי"ע שרייבט אַז דער "ציוניזם" איז די גרעסטע פירצה אין היינטיגען דור און אידן זענען דאָס מחויב צו באַקעמפען מיט אַלע כוחות. דער רבי זי"ע שרייבט בזה הלשון "אויב מיר וועלן נעמען אַלע אַנדערע פירצות פון דעם דור און זיי אַרויפלייגן אויף איין זייט פון די וואָגשאָל און מיר וועלן אַרויפלייגן די פירצה פון ציוניזם אויף די אַנדערע זייט וואָגשאָל וועט די פירצה פון ציוניזם איבערוועגן אַלע".

דער פשט דערפון איז אַז ציוניזאם אַנטהאַלט אין זיך אַלע האַרבסטע עבירות און איסורים. ציוניזאם איז דער אבי אבות הטומאה וואָס איז מטמא און פאַרפירט אידישע קינדער.

# אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח

אידן מאמינים בני מאמינים ווייסן און גלייבן אַז מפני חטאינו גלינו מארצינו — אידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון הייליגן לאַנד ווייל זיי האָבן געזינדיגט אַ קעגען באַשעפער.

שוין נאָענט צו צוויי טויזענט יאָר וואָס מיר געפינען זיך אין גלות צווישן פאַרשידענע אומות, אידן האָבן זיך געלאָזט שחט'ן, קוילן, פאַרברענען, און נישט פאַרלייקענט אין די אמונה.

אידן האָבן געליטן יסורים ווייל זיי זענען אידן, מען האָט זיי געשפּעט, געזידעלט, אָפּגעלאַכט פון די אידישע אמונה. מען האָט זיי באַקריוודעט, גע'רודפ'ט, נישט צו געלאָזט צו גוטע פרנסות. עס זענען געווען ערטער ווי אידן האָבן געמוזט טראָגן אַ געלע לאַטע. די אַלע יסורים און פייניגונגען האָבן נישט באַוויזן זיי אָוועקצורירן פון די ריינע אמונה. אדרבה די צרות און יסורים האָבן זיי געשטאַרקט און געגעבן קוראַזש זיך צוהאַלטן ביי די אמת'ע אמונה, און דינען השי"ת מיט ליבשאַפט.

אין די ביטערסטע צייטן, די שווערסטע גזירות, האָבן אידן געוואַרט און געהאָפט אַז אָט אָט איז שוין נאָענט דער טאָג וואָס השי"ת וועט שיקן משיח צדקינו. מאַמעס האָבן איינגעפלאַנצט אין די קליינע קינדער ווען זיי זענען נאָך געווען אין וויגעלע דעם "אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח". און די אמונה האָט זיי געגעבן כח און מוט אויסצוהאַלטן די שווערסטע צרות.

אידן האָבן אָבער גלייכצייטיג געוואוסט און געגלייבט אַז אַזוי ווי מיר וואַרטן אויף ביאת המשיח, נאָך פיל מער ווייל השי"ת אונז אויסלייזן פון גלות. חכמינו ז"ל זאָגן (ברכות דף ג') אַז דריי מאָל אַ טאָג שרייט השי"ת כביכול אַזוי ווי אַ לייב "ווייי איז פאַר קינדער וואָס צוליב זייערע זינד האָב איך חרוב געמאַכט דעם בית המקדש און איך האָב זיי פאַרטריבן צווישן די פעלקער". ווען אידן זאָגן אמן יי־הא שמי־ה רבה זאָגט השי"ת "מה לו לאב שהגלה את בניו" וואָס האָט דער טאַטע דערפון אַז ער האָט פאַרטריבן זיינע קינדער "ואוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם" ווייי איז צו קינדער וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער פאָטער'ס טיש (דאָס מיינט מען דעם בית המקדש).

אידן האָבן איינגעוואָרצלט אין האַרץ פון זייערע קינדער אין יעדן דור די ווערטער פון דעם אני מאמין "ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבא" — כאָטש משיח צדקינו פאַרזוימט זיך פונדעסטוועגן ווערט ביי אונז נישט

שוואכער די שטענדיגע האפענונג. מיר ווארטן און האפן יעדן טאג אז ער וועט היינט קומען.

מיר זענען מאמין באמונה שלימה אין די ווערטער וואס משיח צדקינו האט געזאגט פאר רבי יהושע בן לוי וואס האט אים געפרעגט "אימתי אתי מר" ווען וועט איר קומען אויסלייזן אידן? האט משיח געענטפערט "היום" — "היינט", און האט דאס איבערגעטייטשט "היום אם בקולי תשמעו" אין דעם זעלבן טאג וואס אידן וועלן טאן תשובה וועט משיח צדקינו קומען. דער רמב"ם פסק'נט "כלו כל הקיצים ואין הדבר תלוי אלא בתשובה" עס זענען שוין אדורך אלע פאראויסגעזאגטע זמנים פון די גאולה, אלעס ווענדעט זיך נאר אין אונז, ווען מיר וועלן תשובה טאן וועט שוין משיח קומען.

## די געוואלדיגע סכנה פון פראבירן צוצואיילן די גאולה

אין אלע דורות האט כלל ישראל געוואוסט ווי גרויס עס איז די סכנה אויב אידן פראבירן זיך אליין אויסצולייזן פונעם גלות, און עס איז פאר אידן נישט איינגעפאלן עובר צו זיין אויף דעם הארבן איסור פון די דריי שבועות.

וויפיל מאל אידן האבן פראבירט צוצואיילן די גאולה פאר די צייט האט זיך דאס אויסגעלאזט מיט ביטערע צרות. הארבע גזירות און עס האט אפגעקאסט פיל אידישע קרבנות.

מיר ווייסן אז די "בני אפרים", דער שבט אפרים, האבן זיך געאיילט ארויסצוגיין פון מצרים פאר די צייט. און זיי זענען אלע גע'הרג'עט געווארן דורך די פלישתים ווייל זיי האבן עובר געווען אויף די שבועה.

נאכ'ן חורבן בית המקדש איז אויפגעשטאנען א אידישער קעניג מיט'ן נאמען בן כוזיבא — (בר כוכבא) אידן האבן געמיינט אז ער איז משיח און האבן רעוואלטירט קעגן די רוימער. עס האט זיך אויסגעלאזט מיט מורא'דיגע שחיטות פון הונדערטער טויזנטער אידן.

אין די צייט פון רמב"ם איז אויפגעשטאנען א מענטש אין לאנד תימן און האט זיך פראקלאמירט אלס משיח. ער האט באוויזן גרויסע מופתים. דער רמב"ם האט אפגעשריבן א בריוו צו די אידן פון תימן און האט זיי געווארנט אז ער איז א פאלשער משיח מען זאל זיך אפשאקלען פון אים ווייל עס איז גאר א הארבער איסור צו בונטעווען קעגען די אומות העולם, און השי"ת האט אונז באשווארירן מיט דריי הארבע שבועות, און האט געווארענט מיט אביטערן שטראף, "אני מתיר

את בשרכם", און אויב וועט מען נאָכגיין דעם משיח שקר וועט מעןליידן גרויסע צרות. אַזוי איז טאַקע געווען, דער פאַלשער משיח האָט פאַראורזאַכט גרויסע צרות, און די אַלע קהלות וואָס האָבן מיט אים מיטגעהאַלטן זענען חרוב געוואָרן.

אַזוי זענען נאָך געווען עטליכע משיחי שקר וואָס ווערן באַשריבן אין סדר הדורות דור אחר דור, עס האָט זיך אַלעמאָל אויסגעלאָזט מיט ביטערע צרות און הריגות.

עס איז באַקאַנט דער גרויסער אומגליק וואָס איז געקומען אויף כלל ישראל דורך דעם משיח שקר שבתי צבי שר"י, באַקאַנט מיט די ראשי תיבות ש"ץ ימ"ש, וועלכער האָט פאַרנאַרט אַ גרויס טייל פון אידישען פאָלק צו גלייבן אין אים, און האָט באַוויזן אותות און מופתים, ביז השי"ת האָט געהאָלפן און די אמת'ע צדיקי הדור האָבן אויפגעוויזן אַז ער איז מזלזל אין אַ איסור דרבנן האָבן זיי באַשלאָסן אַז ער איז פאַלש. און צוביסלעך איז ער ענטדעקט געוואָרן אַז ער איז אַ מסית ומדיח און טוט אָפּ אַלע עבירות שבתורה, און ער האָט זיך גע'שמד'ט. אָבער ליידער האָבן אידען געליטן פון די כת הש"ץ צרות עטליכע דורות, און אָן אַ שיעור אידן זענען געוואָרן מינים און אַפּיקורסים.

מיר וועלן דאָ אַראָפּ ברענגען אַ מעשה נורא וואָס האָט פּאַסירט אין די צייטן פון גלות שפּאַניא ר"ל, וואָס ווערט געברענגט אין ספר זכות אבות פון הקדוש ר' אברהם גאלאנטי זצוק"ל (וואָס דער חיד"א שרייבט אויף אים, "הוא הקדוש המופלג בקדושה — והוא הי' מגדולי תלמידי הרמ"ק זצ"ל"), אַז אין פּורטוגאַל איז געווען אַ גזירה אַז יעדער זאָל זיך שמד'ן הש"י, אויב נישט וועט מען הרג'נען ר"ל. און אַזוי איז געווען אַז אָן אַ שיעור אידן זענען דעמאָלט ג'הרג'עט געוואָרן מיט מיתות משונות ל"ע, און צוליב די גרויסע צרות איז איינגעפאַלן פאַר אַטייל אידן דאָס מ'זאָל מאַכן אַ רעוואָלוציע קעגן די מלוכה, און אַזוי אַרום וועט בטל ווערן די גזירה, ווייל די אידן האָבן דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן כח, און זיי האָבן געהאַלטן אַז מ'קען דאָס אַדורך פירן. איז געווען צווישען זיי אַ איד אַ זקן וואָס האָט צוליב די גרויסע צרות אָנגעפרעגט אין הימעל מיט אַ שם, איז צוריק געקומען דער ענטפער "אַז דריי שבועות האָט הקב"ה באַשוואוירן די אידן, און איינס איז אַז איר זאָלט נישט מורד זיין אין הקב"ה", ווייל אויב איז מען עובר אויף די שבועות איז דאָס אַ מרידה אין הקב"ה. (ויואל משה דף צ')

דער רבי זי"ע שרייבט אין ספה"ק ויואל משה מאמר שלש שבועות דף ס"א וזלש"ק:

"עס זענען שוין געווען עטליכע פון די נביאי הבעל און פאַלשע משיחים וועלכע האָבן פאַרפירט די וועלט מיט מופתים און האָבן צוגעברענגט גרויסע חורבנות פאַרן אידישן פאָלק, דאָס ביז אַ לאַנגע צייט איז נישט מעגליך געווען אפילו פאַר די אמת'ע גדולי הדור צוראַטעווען דאָס פאָלק. אוודאי און אוודאי דאָס אין דעם היינטיגן דור יתום, דאַרף מען אפילו נישט קיין מופתים, נאָר אפילו מיט אָפענבאַרע ליגענס טוט דער שטן פאַרבלענדן די אויגן זיי זאָלן האָבן פאַלשע אילוזיעס (איינרעדעניש) מיינענדיג אַז עס איז מופתים, און דאָס איז גענוג זיי צו פאַרפירן פון אמת'ן וועג. נאָך מער פון דעם טרעפן מיר ביים דור המדבר וואָס איז געווען אַ דור דעה און ווען דער שטן האָט זיי מחטיא געווען מיטן חטא העגל, שטייט אין פסוק, דאָס זיי האָבן געזאָגט: "כי זה משה האיש", און רש"י הק' איז מסביר דאָס דער שטן האָט זיי געוויזן ווי מען וואָלט געפירט דעם געשטאַלט פון משה רבינו אויבן איבערן הימל, און דאָס איז געווען אַ שקר גמור, דען אין דער צייט איז משה רבינו ע"ה געווען מיט השי"ת אין הימל העכער פון אַלע מלאכים און שרפים און מקבל געווען די הייליגע תורה. טראָצדעם האָבן אַלע אידן געזעהן ממש אַ פאָרכטיגע געשטאַלט דורכדעם וואָס דער שטן האָט זיי באַוויזן אַזאַ ליגנט. און אהרן מיט שבט לוי און די אַלע וואָס זענען נישט נאָכגעשלעפט געוואָרן נאָכן שטן האָבן געוואוסט דעם אמת אַז דאָס איז אַ פאַלשער געשטאַלט, אָבער זיי האָבן נישט געקענט ראַטעווען דאָס פאָלק וואָס זענען געווען פאַרגלייבט אין דעם וואָס זיי זעהען מיט די אויגן, ביז ווען משה רבינו איז אַראָפגעקומען און עס איז ענטפלעקט געוואָרן דער אמת".

און ווייטער שרייבט דער רבי זי"ע:

"אין פרקי דרבי אליעזר ווערט געברענגט, אַז דער סוד הגאולה פון מצרים איז איבערגעגעבן געוואָרן פאַר סרח בת אשר, ווען עס זענען געקומען משה און אהרן און געמאַכט די וואונדער אַנטקעגן די זקנים, זענען די אידן געגאַנגען פרעגן ביי סרח דערוועגן, האָט זיי סרח געזאָגט אַז אין וואונדער איז נישטאָ קיין ממשות, דאָס מיינט, מען קען זיך נישט פאַרלאָזן דערויף, האָבן זיי פאָרגעזעצט — אָבער משה האָט דאָך געזאָגט דעם אויסדרוק "פקד פקדתי", האָט זי געזאָגט צו זיי:

דאָס איז דער מענטש וואָס איז פאַרבערייטעט אונז אויסצולייזן פון מצרים, אַזוי האָב איך געהערט פון מיין טאַטן יעקב אבינו ע"ה.

"עס ווערט געברענגט אין גמרא דאָס די אידן האָבן שוין מורא געהאַט זעהענדיג וואָס האָט געטראָפן צו די בני אפרים וועלכע זענען אַרויס פון גלות מצרים פאַר די צייט, דעריבער האָבן זיי שוין מורא געהאַט און זיך געגאַנגען שואל עצה זיין מיט סרח. און עס איז קלאָר דערפון אַז אפילו משה און אהרן וואָס די שכינה האָט געשיינט אויף זייער פנים, און האָבן באַוויזען אַזויפיל וואונדער, האָט דאָך סרח אָפגעווענדעט אַלעס, ביז ווען זי האָט געהערט דעם סימן וואָס זי האָט באַקומען בקבלה פון די עלטערן. און משה ואהרן האָבן זיי דאָך נישט געהייסן פירן מלחמה קעגן די מצריים אָדער טאָן אַנדערע פעולה קעגן זיי, נאָר זיי זענען געקומען אין שליחות פון השי"ת זיי צו זאָגן אַז ער שיקט גרויסע מכות אויף מצרים, און דערנאָך וועט זיי פרעה אַליין שפעטער אַרויסשיקן. האָט מען דאָך פון דעם אַליין געקענט פאַרשטיין אַז זייערע רייד זענען ריכטיג, טראָצדעם האָט זי געזאָגט דאָס מ'זאָל נישט גלייבן אין די וואונדער, כדי נישט נכשל צו ווערן אין אַרויסגיין פאַר די צייט. און מיר האָבן טאַקע נישט קיין אַנדערן דרך נאָר וואָס עס איז מקובל פון פריערדיגע דורות".

אין עמ' קס"ח שרייבט דער רבי זי"ע וזלש"ק:

"די סיבה פאַרוואָס עס זענען נאָכגעשלעפט געוואָרן נאָך ש"ץ ימ"ש פיל אידן איז ווייל ש"ץ ימ"ש איז געווען אַ בקי אין גאַנץ ש"ס און פוסקים, און אין אַלע כתבי האר"י ז"ל. אַלעס איז געווען ביי אים קלאָר נאָך פון זיין יוגענט זייענדיג אַ בחור'ל פון פופצן יאָר. אויך זיין עבודה מיט תעניתים און סיגופים און שירות ותשבחות האָט באַצויבערט יעדן וואָס האָט געזעהן זיין פירונג. אויך האָט ער באַוויזן געוואַלדיגע וואונדער און האָט מחזיר בתשובה געווען טויזענטער אידן. וואו, אין וועלכן אָרט ער איז געקומען האָט ער געמאַכט בעלי תשובה, ווי עס ווערט געברענגט אין די הייליגע ספרים, אַזוי אַז עס איז נישט קיין וואונדער אַז ער האָט געקענט פאַרפירן דאָס פאָלק וואָס איז אויסגעבענקט צו הערן די קלאַנגען פון די גאולה. אויך פיל

גדולים האָבן זיך טועה געווען, דען אין אָנהייב האָבן זיי נאָר געזעהן זיינע געוואַלדיגע כוחות, תורה ועבודה, און עס האָט זיך נאָך נישט דערקענט די כוחות הטומאה וואָס ליגן אין אים, וועלכעס האָט אים צוגעברענגט צו זיין אַ מסית ומדיח פון תורה און אמונה. און ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן וואָס עס ליגט באַהאַלטן אין אים, איז שווער געווען פאַר פיל פון זיי אַרויסצורייסן פון הארץ די שעצונג וואָס איז איינגעוואָרצלט געווען אַזויפיל יאָרן. אַזוי ווי איך האָב אַראָפּגעברענגט פון מהרלב״ח, דאָס צוריק צוקערן זיך פון אַ זאַך וואָס איז שוין געטאָן געוואָרן (פון אַ געוואוינהייט) איז דאָ דערביי אַ גרויסע נגיעה וואָס פאַרבלענדעט די אויגן. נאָר שפּעטער ווען עס האָט זיך שוין אָפּענבאַר אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַ צושטערער פון אידישקייט, פיל מיט מינות און כפירה ר״ל שפּראָצט אַרויס פון אים און זיינע אָנהענגערס, זענען פיל גדולים און קדושים אַרויסגעטרעטן מיט מס״נ זיי צו באַקעמפן, וואָרום עס זענען געווען אין יענע דורות גרויסע לייט אין די טויזענטערס, אויך צווישן המון עס איז פיל געווען מיט יראת שמים, אין פיל פלעצער האָט מען מחרים געווען טאָג טעגליך די כת ש״ץ ימ״ש און אַלע זייערע אָנהענגערס און מיטהעלפערס, כדי מען זאָל וויסן זיך צו היטן פון זיי, ביז ווען זיי זענען צוביסלעך פאַרלענדעט געוואָרן. און דער גאון יעב״ץ זצ״ל האָט פאָראויסגעזעהן מיט זיין גרויס פאַרשטאַנד, אַז עס וועלן נאָך אונטערקומען ענליכע נסיונות פון משיח׳ישע גרופּעס, און ער האָט שטאַרק אָנגעוואָרנט אין זיין ספר מגדל עוז, דאָס מען זאָל זיך גאָרנישט שרעקן פונעם דור און קעמפן קעגן זיי אפילו מען וועט בלייבן איין איינציגער קעמפער אין דור.

״און עס איז אַ גרויס וואונדער, דען די דאָזיגע כת פון פאַלשע גאולה פון אונזער צייט, האָבן דאָך גאָרנישט אָנגעהויבן מיטן כח פון תורה ועבודה און צוריק צוקערן בעלי תשובה אַזוי ווי דער ש״ץ, נאָר פון אָנהייב אָן ביזן ענד זענען דאָך אַלע זייערע מעשים געצילט צו הריסת הדת, און פילן אָן די גאַנצע וועלט מיט מורא׳דיגע כפירה ר״ל. און טראָצדעם איז די גאַנצע וועלט פאַרנאַרט נאָך זיי. דער שטן האָט צוגעזעהן די שוואַכקייט פון אונזער דור האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער דאַרף נישט מאַכן קיין בעלי תשובות און אָנפאַנגען מיטן כח פון תורה ועבודה כדי צו פאַרפירן די וועלט אַזוי ווי אין די

צייטן פון ש"ץ ימ"ש, דען אונזער דור השפל קען ער פאַרפירן מיט די נידעריגסטע זאַכן ר"ל.

"אָבער מיר וועלן האָפן צו השי"ת אַז ער וועט אונז נישט פאַרלאָזן, אל יעזבינו ואל יטשינו ומאשפות דלותינו ירוממנו. און ענדליך וועט ענטפלעקט ווערן פאַר יעדן דער אמת. דערווייל אָבער לעבן מיר נאָך אין דור פון עקבתא דמשיחא, וואָס עס איז געזאָגט דערויף "ותהי האמת נעדרת", ה' ירחם". עכלה"ק.

## די ציוניסטישע באַוועגונג

די ציוניסטישע באַוועגונג איז געגרינדעט געוואָרן מיט נאָענט צו הונדערט יאָר צוריק. דורך אַ אַסימילירטן איד, אַ כופר בעיקר, מיטן נאָמען ט. הערצל ימ"ש. ער האָט געפלאַנט איבערצואַרבעטן דאָס געשטאַלט פון אידישן פאָלק אַז אידן זאָלן זיך מער נישט פילן איינזאַם און אַנדערש פון אַלע פעלקער. ער האָט פעסטגעשטעלט אַז די גאַנצע שנאה פון גוים צו אידן איז ווייל זיי זענען אַנדערש, זיי האַלטן די תורה, און מישן זיך נישט צווישן די גוים.

דער אפיקורס הערצל האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן אַז אַלע אידן זאָלן זיך אָפּ'שמד'ן און געטויפט ווערן צו קריסטנטום. אין זיינע מעמוארן שרייבט ער, ער שטעלט זיך שוין פאָר דעם טאָג ווען די גלעקלעך פון דעם קלויסטער סט. סטעפאַן אין וויען וועלן קלינגען, און מאַסן אידן וועלן געטובלט ווערן צום קריסטנטום.

ווען דער עוכר ישראל האָט געזען אַז דעם פּלאַן איז נישט מעגליך דורכצופירן, דאָס אידישע פאָלק וועט קיינמאָל נישט פאַרטוישען זיין גלויבן, האָט ער זיך דערטראַכט צו אַ פרישן פלאַן, אידן זאָלן באַקומען אַ אייגענעם שטאַט, אַ מלוכה, אַהין וועלן זיי אויסוואַנדערן פון אַלע לענדער. דאָרט וועלן זיי אַראָפוואַרפן פון זיך דעם שווערן עול (יאָך) פון תורה. זיי וועלן מער נישט זיין אונטערדריקט אונטער די גוים, זיי וועלן הייבן קעפּ און זיין גלייך ווי אַנדערע מענטשן, אַ אייגן לאַנד, אַ אייגענע שפּראַך, מיט אַ מיליטער מיט אַ פאַן.

צו זיין נייעם פלאַן האָט דער עוכר ישראל צוגעצויגן אַ צאָל אַסימילירטע אידן פון די משכילים, און צוזאַם האָבן זיי געגרינדעט די ציוניסטישע באַוועגונג און אָנגעהויבן צו פּרעדיגן זיין פינסטערן פלאַן אין די עפענטליכקייט.

צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט מלוכה הויפטן האָט ער געוואָלט אויס׳פועל׳ן אַז אידן זאָלן באַקומען דאָס לאַנד אוגאַנדע, אַ לאַנד אין די שוואַרצע אַפריקע, דאָרט האָט ער געפלאַנט צו באַזעצן דאָס אידישע פאָלק.

אַזוי ווי די פירער פון די ציוניסטישע באַוועגונגען האָבן פאַרשטאַנען אַז אידן וועלן נישט וועלן אַהין גיין, האָבן זיי אונטערגעהעצט די מלוכה לייט און די גוי׳אישע מאַסן אין די אייראָפּעאישע מדינות אויף די אידן. זיי האָבן אויפגעהעצט די געמיטער פון די אַנטיסימיטישע עלעמענטן אין יעדן לאַנד, אַז אידן זענען נישט געטרייע בירגער, זיי בונטעווען, זיי זענען שפּיאָנען, און גראָבן אונטער די זיכערהייט אין זייער מדינה. די ציוניסטן האָבן אויפגעפלאַקערט דאָס פייער פון שנאה צו אידן, און דאָס האָט דערפירט צו פילע צרות און פאָגראָמען אין פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע.

זייער נידערטרעכטיגער פלאַן איז געווען, אַז אויב וועלן זיי מצליח זיין אויפצורייצן די גויאישע באַפעלקערונג אין די אייראָפּעאישע לענדער אַ קעגען די אידישע איינוואוינערס, און דאָס וועט ענדליך דערפירן צו פאָגראָמען און איבערפאַלען אויף אידישע קהלות, וועלען די ביטערע צרות צוברעגנען די אידישע מאַסן איבערצולאָזן די שטעט ווי זיי וואוינען הונדערטער יאָרן, און אויסוואַנדערן זוכן אַ מקום מקלט פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס.

הערצעל ימ״ש מיט זיינע קאָלעגען האָבען געוואוסט אַז דאָס אידישע פאָלק וועט פון זיין אייגענעם ווילען קיינמאָל נישט פראָבירן אַרויסצוגיין פון גלות, און צושטיין צו די כפירה׳דיגע געדאַנקען פון אַראָפּוואַרפן דעם עול הגויים און זיך גרינדען אַ אייגענע שטאַט. דאָס אידישע פאָלק האָט זיך געהאַלטן פעלזען פעסט ביי די מסורת וואָס זיי האָבען מקבל געווען פון זייערע עלטערן און וואָס ווערט געשריבן אין די הייליגע תורה אין תנ״ך און אין די הייליגע רייד פון חז״ל, אַז אידן מוזען אָננעמען דעם יאָך פון גלות, אידן מוזען פאַרבלייבן אין אַלע לענדער ווי זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט, ביז משיח צדקנו וועט קומען צוזאַם מיט אליהו הנביא, און זיי אויסלייזן פונעם גלות.

דעריבער האָבן די ערפינדער פונעם ציוניסטישען רעיון מיט די גרעסטע מאָס רשעות געזוכט ווי מער צו פאַרפּיינטען די אידן אין די אויגען פון די גוים. זיי האָבען פאַר די אַנטיסימיטן צוגעשטעלט פאַרשידענע עלילות, בלבולים, וויסענדיג אַז דאָס וועט דערפירן צו שחיטות, גוואַלדטאַטען, אויף אידן. און טאַקע דאָס האָבן זיי געוואָלט אַז אידן זאָלען שפּירן ווי דער באָדען ברענט אונטער זייערע פוס. עס זאָל זיי ענג ווערן די וועלט אין זייערע וואוין ערטער.

די רשעים האָבען זיך נישט געקימערט אַז עס וועלען גע׳הרג׳ט ווערן פילע אידן, זיי האָט נישט וויי געטאָן אַז עס זענען פאָרגעקומען אָרגאַניזירטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד ראָמעניע פוילען פון אַ צעיושעטען המון וואָס איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון די בלבולים וואָס זענען זיי צוגעשטעלט געוואָרן. אדרבה ווי מער אידן זענען געפּייניגט און געשלאָגען געוואָרן אַלץ מער איז זייער האַרץ געוואָקסן פאַר שמחה. וויסענדיג אַז דאָס וועט צוברענגען צו די פאַרווירקליכונג פון זייער פינסטערן רעיון, אַזוי ווי ער אַליין ערקלערט דאָס אין זיינע טאָג ביכער אַז נאָר דאָס איז דער איינציגער מיטל!

שפּעטער, אין די יאָרן פון די צווייטע וועלט קריג, ווען עס זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פאַרזוכן דורך עסקנים פון וועלט אידנטום צו ראַטעווען מאסן אידן פונם ברענענדיגען גיהנם, האָבן זיי זיך אָפען אַרויסגעשטעלט מיט זייער גרעניצלאָזע רשעות, זיי האָבען אָפען אַרויסגעוויזען ווי ווייט זייער אכזריות גרייכט. אין דעם באַקאַנטען קאַסטנער פּראָצעס — דער ציוניסטישער פירער פון בודאַפּעסט — וואָס איז פאָרגעקומען אין א״י, האָט זיך אַרויסגעשטעלט קלאָר, אַז די ציוניסטן האָבן צוגעהאָלפן פאַר די דייטשן צו פאַרדעקן דעם אמת אַז מען פירט די אידן צו די קאַלעך אויוועגס. די פירער פון סוכנות האָבן זיך גאָר ווייניג געקימערט אַז טויזענטער אידן ווערן טעגליך פאַרגאַזט. און ווען פון אונגאַרן איז געקומען אַ שליח צו פאַרהאַנדלען מיט פאָרשטייער פון וועלט אידנטום איבער אַרעטונגס פּלאַן פון אַ מיליאָן אונגאַרישע אידן האָבן די פירער פון סוכנות געטאָן אַלעס אים צופאַרהאַלטן און ער איז איינגעזעצט געוואָרן אין טורמע כדי זיכער צו מאַכן אַז פון פּלאַן זאָל גאָרנישט ווערן.

איינער פון די ראשי הציונים האָט געשריבן וועגען די אידן ווען עס האָט געהאָנגען איבער זיי די גזירה להשמיד ולהרוג ולאבד. ער שרייבט די מלחמה וועט אַדורך גיין די אַלטע וועלען אויסגיין אין אייראָפּע דאָס איז זייער גורל דאָס איז אַ מין סאָרט ״מענטשן שטויב״ וואָס מוז נעלם ווערען, פון די אינגע וועט זיך בויען די נייע מדינה. (שומו שמים).

ווען דער לעגענדאַרער הצלה עסקן הגה״צ ר׳ חיים מיכאל בער ווייסמאַנדעל זצ״ל, האָט אַלאַרמירט די אידישע כלל טוערס אין שווייץ אַז עס זענען פאַראַן גוטע אויסזיכטן צו ראַטעווען אַ מיליאָן אונגאַרישע אידן פאַר אַ גרויסע סומע אויסלייז געלט, האָבן די ציוניסטישע פירער אין שווייץ אָוועקגעמאַכט די זאַך.

איינער פון זיי האָט עפענטליך דערקלערט ״פאַר אונזערע אויגען שטייט דער וויכטיגער ציל אויפצושטעלען אַ אידישע מדינה ווען די וועלט קריג וועט פערטיג ווערן. עס איז נישט יושר׳דיג אַז מיר זאָלען לאָזען די פעלקער פאַרגיסן זייער

בלוט אין די וועלט מלחמה, און מיר אידן זאָלען נישט ברענגען קרבנות פון אונזער זייט. מיט וואָס פאַר אַ פנים וועלען מיר קומען נאָך די קריג צו די גוים און בעטן טיילט אונז צו אַ מדינה, דאָס איז ממש אַ חוצפה צו פאַרלאַנגען פון די גויים וואָס גיסן זייער בלוט...." און דער רשע דער אכזר פון די ציוניסטישע פירער ענדיגט זיין טעאָריע מיט'ן סלאָגאַן "רק בדמנו תהי' לנו הארץ" (מן המיצר ע' צ"ב) מיט אַנדערע ווערטער די ציוניסטן האָבן אָפען געזאָגט מיר ווילען נישט צוהעלפן צו די רעטונגס אַקציע, אדרבה מיר קענען באַשטיין אַז עס זאָלען פאַלען הונדערטער טויזענטער און מיליאָנען אידישע קרבנות, ווייל מיט דעם בלוט וועלען מיר זיך האָבן מיט וואָס צו שטעלען פאַר די אומות העולם און פאַרלאַנגען אַ מדינה.

די פירער פון ציוניזם הערצל שר"י און נורדוי שר"י, האָבן איינגעזען אַז זייער פלאַן צו פירן אידן קיין אוגאַנדע וועט זיך נישט איינגעבן האָבן זיי באַשלאָסן צו טוישן דעם פלאַן אַז אידן זאָלן גיין קיין ארץ ישראל און דאָרט אויפשטעלן אַ אידישע מדינה. זיי האָבן געוואוסט אַז אידן גליסטן און שטרעבן צום הייליגן לאַנד. האָבן זיי געהאָפט אַז דער ציי קראַפט פון ארץ ישראל וועט צוציען אַלע אידן פון אַלע מלוכות אַרויפצוקומען קיין ארץ ישראל.

אַזוי ווי דאָס רוב פון אידישן פאָלק זענען דעמאָלט געווען שומרי תורה ומצות, און דער רשע האָט פאַרשטאַנען אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין צוטרוי צו אים ווייל ער איז געווען אַ גוי גמור. האָט ער באַשלאָסן צוצוציען צו זיך אַ טייל פון די פרומע רבנים, און דורך זיי צו געווינען די פרומע אידן. ער האָט געוואוסט אַז אין ארץ ישראל וועט די מאַכט זיין ביי די פרייע וועלכע זענען פעאיגער צופירן די מלוכה און זענען מער באַהאַוועוונט אין דיפּלאָמאַטיע. ער האָט געוואוסט זיכער אַז די פרומע וועלן ממילא זיין אונטערטעניג פאַר די פרייע.

## דער הויפּט ציל פון ציוניזאַם

אַלע גדולי ישראל די אמת'ע גאונים און צדיקים וועלכע האָבן געלעבט אין דעם דור ווען ציוניזם האָט זיך געגרינדעט זענען אַרויסגעטרעטן אַמשאַרפסטן קעגן די נייע טומאה. די גאונים און צדיקים האָבן געצייטערט פאַר די באַוועגונג, און פאַראויס געזאָגט אַז אויב עס וועט פאַרווירקליכט ווערן זייער פלאַן און זיי וועלן גרינדן אַ אידישע מדינה, איז דאָס אַ מורא'דיגע סכנה פאַר גאַנץ כלל ישראל. אַ דאָפּעלטע סכנה סיי בגשמיות פון די אַרומיגע לענדער וועלכע וועלן פירן מלחמות און פאַרגיסן אידיש בלוט. און ווער ווייסט וויפיל אידישע קרבנות וועלן פאַלן צוליב דעם עובר זיין אויף די שבועה "שלא יעלו בחומה" אַזוי ווי חז"ל האָבן געוואָרנט "אני מתיר את בשרכם" ח"ו אַז אידישע בלוט וועט ווערן

הפקר, און אַ סכנה ברוחניות אַז די ציונים וועלן אויסרייסן די אמונה פון הערצער פון אידישע קינדער און וועלן איבערמאַכן דאָס געשטאַלט פון כלל ישראל צו ווערן אַזוי ווי אַלע גויים, אַ פאָלק אָן קיין תורה אָן קיין אמונה.

די גדולים פון יענעם דור האָבן קלאָר געזאָגט ״דער ציל פון ציוניזם איז נישט צו האָבן אַ מדינה און אַלס מיטל צוצוקומען דערצו האָבן זיי אויסגעריסן די תורה און אמונה פון אידן. זייער ציל איז אויסצורייסן תורה און אמונה פון אידן און די מדינה איז אַ מיטל זיי זאָלן דאָס קענען דורכפירן.

## ווי ווייט מ׳דאַרף זיך דערווייטערן פון ציוניסטן

אין אַמאָליגע צייטן האָט יעדער ערליכער איד געוואוסט אַז ציוניזם איז פסול און טריפה. יעדער איד וואָס האָט געהאַט ציוניסטישע השקפות, צי ער איז געווען אַ סימפּאַטיקער צו די ציונים, האָט מען זיך פון אים דערווייטערט כמטחוי קשת. דער איד האָט געקענט זיין אַ פרומער מיט ווייסע זאָקן, לייגען רבינו תם תפילין, און מדקדק אין אַלע מצוות, אויב אָבער ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן צו ציוניזם, ער האָט אָנגעהויבן צו האָבן די מינדעסטע שייכות מיט די ציוניסטן האָט מען אים געשריגן: צא טמא!

דער רבי זי״ע האָט נאָך און די ערשטע יאָרן זייענדיג רב אין אָרשיווע און אין קראָלע איינגעריסן וועלטן אַז די טאַטעס זאָלן נישט צולאָזן די קינדער פאַרכאַפּט צו ווערן אין זייער נעץ. אויב האָט אַ טאַטע אַ זין וואָס איז געוואָרן אַ ציוניסט דאַרף ער זיצן שבעה נאָך אים.

## די קאָלאָניעס

די ציונים האָבן אָנגעהויבן איינצורעדן דעם יוגנט אין אייראָפּע אַרויפצוקומען קיין ארץ ישראל און באַארבעטן די פעלדער. אויפשטעלן קאָלאָניעס, פלאַנצן ביימער און איינזייען תבואה אין ארץ ישראל. זיי האָבן באַצויבערט בחורים און מיידלעך תמימות׳דיגע און אומוויסענדע אַז מיט דעם הויבט זיך אָן די גאולה שלימה.

אַזוי איז זיי געלונגען אַריינצונאַרן פילע טויזנטער תמימים און זיי צו פאַרפירן קיין ארץ ישראל. דאָרט האָבן זיי אויפגעשטעלט געמישטע קאָלאָניעס פאַר יונגען און מוידען און זיי איינגערעדט אַז אין ארץ ישראל דאַרף מען נישט האַלטן די

תורה, ברענגענדיג ראיות פון פסוקים און מאמרי חז״ל וועלכע זיי האָבן געפעלשט און אויסגעדרייט.

אין ארץ ישראל זענען די קאָלאָניעס (קיבוצים) געווען אויסגעלאָסן, געמיין, פאַרדאָרבן, מען האָט דאָרט אָפגעטאָן אַלע עבירות. כדי אָפצושטילן די פרומע אידן אין חוץ לארץ האָבן זיי צוגעצויגן זייערע רבנים וועלכע האָבן פאַרענטפערט אַלעס, און פאַרגלעט אַלע זייערע עבירות.

אין די קיבוצים (קאָלאָניעס) עסט מען נבילות טריפות חזיר מ׳האַלט נישט שבת, יום כיפור, מ׳זאָגט נישט קיין שמע ישראל, מ׳עסט חמץ אין פסח, אַלע האַרבסטע עבירות ווערן דאָרט אָפגעטון, מ׳קען אויפוואַקסן אין אַ קיבוץ און מ׳זאָל אפילו נישט וויסען ווי אַזוי אַ ספר תורה זעהט אויס הש״י.

## די רבנות הראשית

אין יאָר תר״פ האָבן די ציונים אויפגעשטעלט די רבנות הראשית. דער הויפט ראַבינאַט, אין דעם זעלבן טאָג האָבן די ירושלים׳ער אידן געפאַסט און געזאָגט סליחות אויף די נייע צרה. גדולי ישראל האָבן פאָראויס געזען דעם גרויסן חורבן וואָס וועט אַרויסקומען פון אַ ראַבינאַט וואָס איז אונטער די הערשאַפט פון די ציונים. דער ערשטער ציוניסטישער הויפט רב, רב קוק ימ״ש האָט זיך טרויעריג באַרימט מיט זיינע אפיקורסישע דיעות און השקפות. זינט דעמאָלט איז די ציוניסטישע ראַבינאַט דער גרעסטער געפאַר פאַר כלל ישראל. די ציונים באַנוצען די רבנים צו כשר׳ן אַלעס. לויט זייער פאַרלאַנג ווערען געגעבן היתרים אויף די האַרבסטע עבירות. ערליכע אידן האָבן נישט קיין שייכות מיט רבנים וואָס באַלאַנגען צום רבנות הראשית, מען פאַרלאָזט זיך נישט אויף זייער פסק און מ׳נוצט נישט זייערע הכשרים.

## מ׳טאָר זיך נישט באַהעפטן צו ציונים אפילו כדי אויפצוטוען

מיט אַרום אַכציג יאָר צוריק איז געגרינדעט געוואָרן דורך פרומע אידן פון דייטשלאַנד די ״אגודה״ פאַרטיי. דער אויסגערופענער ציל פון די אגודה איז דעמאָלט געווען צו באַקעמפן ציוניזם, און זיי האָבן אַריינגעשלעפט אויך אַ גרויסן טייל פרומע אידן אין פוילן און אין ליטא וועלכע האָבן געוואָלט באַקעמפן דעם געפערליכן געפאַר פון ציוניזם. אַ טייל גדולי ישראל זענען דעמאָלטס צוגעשטאַנען צו די אגודה.

אַ איבערוועגענדע מערהייט פון גדולי ישראל זענען אָבער שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן די נייע באַוועגונג, אגודת ישראל, זיי האָבן געזען מיט זייער הייליגע אויגן אַז די פּאַרטיי ווערט געפירט דורך פּאָליטישע פירערס צו וועלכע מ׳קען נישט האָבן קיין צוטרוי און מיט דער צייט איז מעגליך זיי זאָלן פאַרפירן אידן.

די גרעסטע קעמפּער קעגן די ״אגודה״ זענען געווען די אונגאַרישע גדולים, זיי האָבן באַמערקט אַז די פּאָליטישע פירערס פון די אגודה האָבן אַ נייגונג איינצוגייען אויף געוויסע פשרות מיט די ציוניסטן כדי דורכדעם אויפצוטאָן פאַר אידישקייט. דער יסוד היסודות פון אמת׳ע ריינע אומגעפעלשטע תורה איז, מען טאָר זיך נישט באַהעפטן מיט רשעים אפילו ווען מ׳מיינט גוטס, מ׳מיינט אויפצוטאָן, ווייל פון התחברות לרשעים קען קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

די פילע גדולים פון יענעם דור האָבן געקעמפט ווי לייבן קעגן די אגודה. טראָצדעם וואָס די אגודה האָט ערקלערט קריג קעגן די ציונים, אָבער זיי האָבן געזען טיפער און ווייטער.

נאָך די צווייטע וועלט מלחמה, ווען רוב גדולי ישראל זענען אומגעקומען, הי״ד, האָבן די פּאָליטישע פירער פון די אגודה איבערגעפירט די פּאַרטיי אויף נייע רעלסן, זיי זענען געוואָרן אָפענע סימפּאַטיקער צו מדינת ישראל. זיי האָבן גע׳טענה׳ט אַז זיי ווילן באַקעמפן ציוניזם פון אינעווייניג, זיי וועלן ווערן אַ טייל פון די ציוניסטישע רעגירונג און אַזוי אַרום וועלן זיי זיך אָננעמען פאַר די תורה און די רעכטן פון ערליכע אידן.

אין די שווערע צייטן איז דער רבי זי״ע געווען ממש דער איינציגסטער וועלכער איז גלייך אַרויסגעטרעטן צום שאַרפסטן קעגן די ציוניסטן און קעגן די פרומע וואָס זענען געוואָרן באַפריינדעט מיט די ציוניסטן. דער רבי זי״ע האָט איינגעריסן וועלטן אַז אַזוי האָבן געהאַלטן אַלע גדולים און צדיקים אין פריערדיגען דור, אפילו די וועלכע זענען יאָ צוגעשטאַנען צו די אגודה איז דאָס נאָר געווען קעגן ציוניזם, אָבער אַז זיי האַלטן אויך פון די מדינה זענען זיי פסול פונקט ווי די אַנדערע.

## דער אויפקום פון די מדינה

נישט דאָ איז דאָס אָרט אַרויסצוברענגען די ראָלע פון די ציוניסטן אין די צווייטע וועלט מלחמה, זייער האַרצלאָזיקייט און קאַלטבלוטיקייט קעגן כלל ישראל אין איירּאָפּע.

די ציוניסטן האָבן געוואוסט אַז אויב אידן אין אייראָפּע וועלן זיין אויף צרות, מען וועט זיי שחט'ן, פאַרברענען, וועלן זיי נאָר האָבן ריווח דערפון ווייל אידן וועלן אַנטלויפן קיין ארץ ישראל, און דאָס האָבן זיי דאָך געוואָלט אַז אידן זאָלן קומען קיין ארץ ישראל.

דערפאַר האָבן זיי אויפגעררייצט דעם רשע, דעם דייטש, היטלער ימ"ש, און אויסגערופן אַ באָיקאָט אַקעגן אים. דאָס הייסט אַז די ציוניסטן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער האָבן אויסגערופן אַז קיין שום איד טאָר נישט קויפן סחורות, פּראָדוקטן פון דייטשלאַנד.

דאָס האָט אַרויסגעברענגט דעם רשע היטלער ימ"ש פון די כלים און ער האָט אויסגערופן "די אידן פירן קריג קעגן מיר, איך וועל זיי ווייזן".

דעמאָלט האָט ער אויסגעאַרבעט זיין פּלאַן "די ענדגילטיגע לעזונג פון אידישען פּראָבלעם", די ביטערע גזירה להשמיד להרוג ולאבד.

שפּעטער ווען עס זענען געפירט געוואָרן טאָג טעגליך צוועלף טויזענט אידן קיין אוישוויץ און זענען פאַרגאַזט געוואָרן רחמנא ליצלן, האָבן די דייטשן אָנגעבאָטן פאַר די ציוניסטן אַרויסצולאָזן און באַפרייען אַ מיליאָן אידן פאַר אַ גרויסע סומע אויסלייז געלט. אויב וואָלט דאָס צושטאַנד געקומען וואָלטן כמעט אַלע אונגאַרישע אידן געראַטעוועט געוואָרן. די ציוניסטן האָבן נישט צוגעלאָזט אַז אַמעריקאַנער אידן זאָלן צאָלן דאָס אויסלייז געלט. זיי די רשעים האָבן געזאָגט "איין קוה אין ארץ ישראל איז מער ווערט ווי אַלע אידן פון אייראָפּע". אַלע באַמיאונגען פון די לעגענדאַרע הצלה עסקנים צו ראַטעווען די אונגאַרישע אידן האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. צוליב שטערונגען פון די ציונים.

## דער עונש פון אני מתיר את בשרכם

דער רבי זי"ע שרייבט אין די הקדמה פון ויואל משה אַז די ביטערע גזירה וואָס איז נגזר געוואָרן אויפ'ן אידישן פאָלק אין דעם דור, עס זאָלן פאַרטיליגט ווערן זעקס מיליאָן אידן צווישן זיי די מערסטע ערליכע אידן גדולים, קדושים, צדיקים און חסידים, איז געקומען ווייל אידן האָבן עובר געווען אויף די האַרבע שבועות, זיי האָבן אָנגעהויבן צו טאָן פּעולות אויפצושטעלן די מדינה הציונית, און ליידער האָבן ערליכע אידן זיך נישט גענוג אַנטקעגן געשטעלט, דערפאַר איז געקומען דער ביטערער שטראָף אַז אידן זענען געוואָרן ממש הפקר און מען האָט זיי אויסגעהרג'עט אָן קיין שום סיבה, פּשוט מ'האָט גענומען זעקס מיליאָן

אומשולדיגע אידן און זיי פאַרגאַזט, פאַרברענט, און אויסגע׳הרג׳עט מיט אַלערליי מיתות משונות.

דער רבי זי״ע זאָגט קלאָר ״אויף קיין שום עבירה געפונען מיר נישט אַזאַ האַרבע שטראָף אין די תורה, נאָר אויב מען איז עובר אויף די שלש שבועות״, זאָגט די תורה ״אני מתיר את בשרכם״ ח״ו און דאָס איז ליידער מקוים געוואָרן אין אונזער דור, דורך דעם וואָס די ציונים האָבן עובר געווען אויף די דריי שבועות, ואין פורעניות באה לעולם אלא בשביל הרשעים ואינה מתחלת אלא מן הצדיקים.

## ה׳ אייר

אין דעם פינפטן טאָג פון חודש אייר, תש״ח, איז אויסגערופן געוואָרן די נייע מדינה. דער פינסטערער טאָג איז פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ ציוניסטישע חגא, וואָס ווערט געפייערט דורך זיי מיט פאָמפע און פאַראַד, אויפ׳ן ריכטיגן גוי׳אישען שטייגער. ביי ערליכע אידן איז דער טאָג וואָס רופט זיך ״יום העצמאות״ אַ טאָג פון טרויער און ביטערניש. דער רבי זי״ע האָט געזאָגט אַז ווען מען וואָלט געווען בכח וואָלט מען דעם טאָג געדאַרפט באַשטימען פאַר אַ ״יום תענית״ אַ פאַסט טאָג. איינמאָל צוליב אַ געוויסע סיבה האָט דער רבי זי״ע גוזר תענית געווען אויף דעם טאָג. זעלבסט פאַרשטענדליך ערליכע אידן דערווייטערן זיך פון אַלע זייערע פייערונגען און נעמען נישט קיין טייל אין זייער חגא. דאָס איז גאָר אַ האַרבער איסור על פי תורה, אַנטייל צו נעמען אין זייערע שמחות און הוללות, צוצוקוקען צו זייערע פאַראַדען, אָדער אַרויסווייזען די מינדעסטע באַטייליגונג אין זייער פרייד. ווער עס ווייזט אַרויס אויף עפעס אַן אופן אַז ער האַלט מיט זייער שמחה, איז פונקט ווי אַ פאַררעטער וואָס פרייט זיך ווען דער גרעסטער שונא באַזיגט זיין לאַנד און נעמט אין געפענגעניש זיין קעניג ח״ו.

אין דעם טאָג וואָס די שכינה הקדושה וויינט און קלאָגט אויף דעם בראָך פון כלל ישראל, די פאַלשע גאולה, דעם מבול פון אפיקורסות מיט וואָס זיי האָבן פאַרפלייצט אידישע הערצער, דאָס הייליגע לאַנד וואָס ווערט פאַרשוועכט אויפ׳ן ערגסטען אופן, וואָס אַזוינס איז קיינמאָל בעפאָר נישט געווען, מיליאָנען אידישע קינדער ווערן ערצויגען צו כפירה, אידישע טעכטער ווערען מאָבילিזירט אין די אַרמיי, ווי קען אַ איד האָבען אַ מינדעסטע שייכות מיט זייער שמחה, וואָס איז דער גרעסטער אומגליק פון אידישען פאָלק. גדולי ישראל ובראשם דער בית דין צדק פון די עדה חרדית אין ירושלים פאַרעפענטליכען יעדעס יאָר אַ קול קורא מיט אַ איסור חמור ונורא צו האָבען אַ שייכות כל דהוא מיט די חגא פון ה׳ אייר.

# שפיכת דמים

אין דעם טאָג וואָס די ציוניסטן האָבן פּראָקלאַמירט די נייע מדינה האָבן אויסגעבראָכן ביטערע שלאַכטן צווישן זיי אין אַלע אַרומיגע אַראַבישע מדינות. די מלחמה פון תש״ח האָט געקאָסט פילע טויזנטער אידישע קרבנות. אין די מלחמה האָט זיך אידישע בלוט געגאָסן ווי וואַסער, זינט דעמאָלט האָבן די ציונים געפירט אַ צאָל מלחמות מיט די אַראַבער. יעדע מלחמה האָט געקאָסט פילע קרבנות. אין די ״מלחמת העצמאות״ האָט זיך געגאָסן אידיש בלוט ווי וואַסער.

די אַלע מלחמות וועלכע די ציוניסטען פירן אָן זענען אויסער די האַרבע איסורים פון עובר זיין אויף די שלש שבועות, אויך פאַרבינדען מיט דעם מורא׳דיגען איסור פון מפקיר זיין אידיש בלוט. ווייל על פי הלכה טאָר׳ן אידן קיינמאָל נישט אַרויסגיין אין אַ מלחמה נאָר אויב זיי באַקומען אַ היתר דערויף דורך די סנהדרי גדולה פון איין און זיבעציג סנהדרין, און אויך דורך אָנפרעגען די אורים ותומים. אַזוי ווי אין היינטיגע צייטען האָבן מיר נישט קיינע סנהדרין און נישט קיין אורים ותומים, איז פאַראַן אַ האַרבער איסור אידן טאָר׳ן נישט גיין אין מלחמה אַריין, און אויב איז דאָס אסור על פי הלכה און מען איז עובר אויפ׳ן דין און מ׳פירט אַרויס אידן אין מלחמה אָן די ערלויבעניש פון די סנהדרין און אורים ותומים, איז דאָס אַ רציחה ממש, יעדעס אידישע נפש וואָס פאַלט אַ קרבן איז די שולד פון די וואָס האָבן זיי געפירט אין די מלחמה אַריין.

און ווי גרויס איז דער ווייטאָג אַז אויך די פרומע פאַרטייען שטיצען די פירער פון די מדינה אין זייערע מלחמות, דאָס האָט זיך אומבולט׳סטן אַרויסגעוויזען לעצטענס ביי די לבנון מלחמה. די גרעסטע שטיצערס פון די רעגירונג, די גרעסטע אָנהענגערס פון די בלוט דאַרשטיגע גענעראַלען זענען געווען די כנסת מעמבערס פון די פרומע פאַרטיי. אין זייער צייטונג האָבן זיי אויפגעקלערט די וויכטיגקייט פון די לבנון מלחמה, און די שטעלונג פון די מופקרים וואָס האַלטן אָן די אָקופּאַציע.

עס איז אומגלויבליך אַז פרומע אידן זענען פעאיג דערצו, אין אַ צייט וואָס די פרייע אַליין שרייען, גענוג! זיי האָבן פּראָטעסטירט טאָג טעגליך פאַר׳ן פרעמיער׳ס אָפיס, האַלטענדיג אַ טאָוועל מיט די צאָל געפאַלענע סאָלדאַטן צולייגענדיג יעדן טאָג די פריש אומגעקומענע.

און דוקא די פרומע וואָס וואָלטן געדאַרפט שרייען געוואַלד! ווי מעג מען מפקיר זיין אידישע נפשות, ווי מעג מען אַריינגיין אין מלחמה אָן פסק פון סנהדרי גדולה, דוקא זיי האָבן געשטיצט די מלחמה און פּראָפּאַגאַנדירט פאַרצוזעצן די

בלוט פאַרגיסונג).

דער רבי זי״ע האָט איינגעריסן וועלטן קעגן די פינסטערע מדינה, אַלע זיינע תורות, דרשות, שמועסן, זענען געווען צו וואָרענען אידן נישט אַריינגעכאַפּט צו ווערן צווישן זיי.

די ״מדינה״ האָט אויפגערייצט די אַראַבישע לענדער וועלכע האָבן זיך גענומען רודפ׳ן די אידן וואָס וואוינען אין זייערע לענדער. די מדינה שטייט אַלע יאָרן קאַמפסגרייט. יעדעס יאָר קאָסט אָפּ פיל אידישע בלוט. עס איז נישט פאַראַן אַ יאָר אָן קיין אידישע קרבנות.

## די וואַלן (בחירות)

אַ מדינה דאַרף האָבן אַ רעגירונג און אַ פּאַרלאַמענט. די ציוניסטן האָבן אויסגערופן וואַלן צום פּאַרלאַמענט (כנסת המינים) דער פּאַרלאַמענט (כנסת) איז ענליך צום אַמעריקאַנער קאָנגרעס אָדער סענאַט, וועלכע זענען די געזעצגעבער פונ׳ם לאַנד. דאָס הייסט די מעמבערס פון קאָנגרעס באַשליסן די געזעצן פונ׳ן לאַנד, זיי האָבן די רעכט אָפּצושאַפן אַלטע געזעצן און באַשטימען נייע געזעצן. די דעלעגאַטן צום כנסת ווערן ערוויילט ביי וואַלן, ״בחירות״. יעדער בירגער האָט אַ שטים רעכט, ער קען וועלן וועלכע פּאַרטיי ער וויל.

ביי די וואַלן צום פּאַרלאַמענט האָבן אויך די פרומע פּאַרטייען אַריינגערעכנט די אגודה — אַרויסגעשטעלט קאַנדידאַטן, און עס זענען ערוועלט געוואָרן עטליכע פרומע כנסת מעמבער.

די אגודה איז אויך געוואָרן אַ שותף צו די ציוניסטישע ממשלה און איינער פון די אגודיסטישע כנסת מעמבער איז געוואָרן אַ מיניסטער אין די רעגירונג (ממשלה).

דער רבי זי״ע האָט אַ גרויסן טייל פון זיין ערשטע חלק פון ״ויואל משה״ — דער מאמר ״שלש שבועות״ — געווידמעט אויפצוקלערן דעם האַרבן איסור צו נעמען אַ טייל אין די וואַלן (בחירות) פאַר׳ן כנסת. דער רבי זי״ע ווייזט אויף די קלאָרע הלכה אַז עס איז אַ מורא׳דיגע עבירה צו גיין וועלן (וואָוטען) צום כנסת. די עבירה איז אַזוי גרויס ווי די גרעסטע עבירות אין די תורה, ווייל דער גאַנצער עקזיסטענץ פון די מדינה איז אַ איסור חמור ונורא, דער עצם גרינדען פון אַ מדינה פאַר ביאת המשיח איז פאַרבינדען מיט די האַרבסטע איסורים אין די תורה, דאָס איז ממש כפירה און אפיקורסות, און דאָס איז אַ איסור פון ״יהרג ואל יעבור״.

ממילא קומט אויס אַז די וואָס גייען צו די וואַלען, און דורך זיי קומט צושטאַנד דער פּאַרלאַמענט פון די מדינה, — וואָס דאָס איז די פירערשאַפט און דער יסוד פון די מדינה — דער ווערט אַ שותף צו די מדינה, ער האָט אַ חלק בפועל אין די כפירה, און די האַרבע איסורים אויף וואָס דער עקזיסטענץ פון די מדינה איז געבויעט.

אויסער דעם איז דער ״כנסת״, דער פּאַרלאַמענט פון די מדינה — וואָס זיין אויפגאַבע איז צו באַהאַנדלען און באַשטימען די ״חוקים״ פון די מדינה — אַ אָפענע ערקלערונג אַז די תורה הקדושה טוט נישט פּאַרפליכטען די איינוואוינערס פון מדינת ישראל, זיי די 120 כנסת מעמבערס באַהאַנדלען פונדאַסניי יעדן געזעץ און האָבן די רעכט צו באַשטימען געזעצן פאַר׳ן לאַנד לויט זייער פאַרשטאַנד. אויב זיי באַשליסן אָפּצושאַפן די מצוות פון די תורה, און דורכצופירן אַ געזעץ וואָס איז קעגן די תורה האָבן זיי די לעגאַלע רעכטן דערצו. דאָס איז אַ מורא׳דיגע אפיקורסות און כפירה אין די הייליגע תורה, אַז די געזעצן פון תורה משה וואָס השי״ת האָט געגעבן פאַר אידן אין באַרג סיני זאָלן נישט פאַרפליכטען אידן, נאָר זיי אַליין זאָלן זיין די וועלכע באַשליסן די געזעצן.

אויך די כנסת מעמבער וועלכע שטימען אַקעגן די געזעצן וואָס זענען דער היפוך פון די תורה זענען פאַרפליכטעט אָנצונעמען דעם באַשלוס פון דעם רוב, די מערהייט, און אויב די מערהייט באַשליסט קעגן די תורה נעמען זיי אויך אָן דעם באַשלוס.

יעדער געזעץ אין כנסת קען נאָר אָנגענומען ווערן אויב עס זענען פאַראַן אין כנסת די באַשטימטע צאָל מיטגלידער, און אַלע זענען שותפים דורכצופירן דעם געזעץ אַריינגערעכנט די קעגנערס צום געזעץ, וואָס ווען נישט זייער מיטגלידערשאַפט וואָלט קיין שום געזעץ נישט דורכגעפירט געוואָרן.

יעדער כנסת מעמבער שווערט טריישאַפט פאַר די געזעצן פון די מדינה, אַ זאַך וואָס איז אַ כפירה אין באַשעפער און אין די הייליגע תורה. ווער עס וואַרפט אַריין אַ צעטל אין שטים קאַסטן, און וועלט אויס אַ כנסת מיטגלידער, און ברענגט דערצו אַז יענער זאָל ערוועלט ווערן, האָט אַ חלק אין אַלע עבירות וואָס ווערן אָפגעטאָן דורך די כנסת. דער כנסת מעמבער ווען ער האָט ערוועלט איז זיין שליח, דער וואָס ערוועלט אים האָט אים געשיקט אַלס זיין פאַרטרעטער און ער האָט אַ טייל אין אַלע אומווערדיקייטן.

דער רבי זי״ע שרייבט אין ספה״ק ויואל משה עמ׳ קמ״ד-קמ״ה, וזלש״ק:

"עס זענען דאָ אַזעלכע וואָס גייען צו די בחירות מיט פאַרמאַכטע אויגן, וויבאַלד זיי ווייסן אַז דאָס איז דער ווילן פון דער אגודה וואָס זענען געווען אין אָנהייב ביים גרינדונג גרויסע צדיקים פון פריערדיגן דור, און מ'וויל נישט מהרהר זיין נאָך זיי, און עס איז לייכט צו פאַרשטיין אַז עס איז פוסט (נאַריש) זייער טענה. איך געדענק נאָך גוט די גאַנצע אגודה פון אָנהייב פון איר גרינדונג פון די ערשטע אסיפה ביז היינט. און איך האָב גערעדט מיט רוב גדולי ישראל אין פאַרלויף פון די דורות וועגן דער אגודה און איך וועל עס דערציילן אין קורצן:

"אייגענטליך זענען מערסטנס גדולי ישראל געווען געגנערס צו דער גאַנצער גרינדונג פון אַן אגודה. נאָר פיל פון די גדולים האָבן געשריגן און געוואָרנט דערקעגן, אָבער פיל האָבן זיך נישט פאַרטיפט אין דעם ענין און נישט אַרויסגעגעבן אין דער עפנטליכקייט זייער מיינונג דען עס איז נישט געווען זייער דרך צו גיין בקול רעש גדול. אָבער צו זייערע מקורבים האָבן זיי געזאָגט זייער מיינונג, זיך נישט צו באַהעפטן בכלל צו דער אגודה. עס זענען טאַקע אויך געווען צדיקים און גדולים וואָס האָבן מיט אַ ריינע כוונה לשם שמים געשטיצט די אגודה, מיינענדיג אַז זיי זענען די אמת'ע קעמפערס קעגן ציונות און קעגן מזרחי'סטישע פאַרטיי, דען דאָס האַרץ איז זיי געווען פאַרביטערט פון די ציוניסטישע און מזרחי'סטישע מעשים, און זיי האָבן געציטערט פון די ביטערע רעזולטאַטן וואָס קענען אַרויסקומען פון אַזאַ אויפפירונג. דעריבער איז זיי געווען אַ טרייסט ווען זיי האָבן געזען מענטשן וועלכע קעמפן געגן די ציוניסטן, און דורך זייער גרויס האַרץ־ווייטונג האָט עס זיי צוגעברענגט זיך צו באַהעפטן צו דער אגודה וואָס האָט דאַן געפירט דעם קאַמף.

"אין יענע צייטן האָב איך געזאָגט (רבינו הק' זצ"ל) דאָס דורך זיי פאַרשטייט מען די באַדייטונג פון די משנה "כל מחלוקת שהיא לשם שמים סופה להתקיים ושאינה לשם שמים אין סופה להתקיים", איז דאָך שווער אויפן לשון פון דער משנה, וואָס איז דער לויב אויף אַ מחלוקת לש"ש אז עס האָט אַ קיום, עס איז דאָך בעסער אַז עס ווערט שלום און די מחלוקת ווערט בטל? האָב איך געזאָגט אַז מיט דעם האָבן אונז חז"ל געוואָלט מרמז זיין אַז אַ מחלוקת לש"ש איז דאָך אויב

מ׳נעמט זיך אָן פאַר׳ן כבוד פון השי״ת און זיין היילגן תורה צו קעמפן מיט די מהרסי הדת. און וועמענס כוונה עס איז באמת לש״ש דער קען קיינמאָל נישט מאַכן קיין שלום מיט די רשעים, ווייל ״אין שלום אמר ד׳ לרשעים״. קומט אוים אַז די מחלוקת האָט שטענדיג אַ קיום, אָבער די וואָס זייער כוונה איז נישט לש״ש, נאָר צוליב אַן אַנדערע זייטיגע כוונה און זיי זענען עס נאָר תולה אין חיזוק הדת און דאָס איז אַ שנאה התלויה בדבר — דער סוף איז אַז די רשעים טוען זיי משחד זיין און דער ענין ווערט בטל, די מחלוקת ווערט אוים קריג, דען מ׳איז שוין נישט מער מוחה וועגן כבוד פון השי״ת און זיין היילגע תורה (ווייל אויף דעם קען מען דאָך נישט איינגיין מיט קיין פשרות).

״און אַזוי איז אויך מיט׳ן ענין פון די אגודה וועלכע פלעגן קעמפן מיט די ציונים, אָבער אין דער צייט ווען די ציוניסטן האָבן זיי געוואָלט איינשליסן אין זייערע רייען און זיי געבן אַ טייל אין זייער ממשלה, דען ווען די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן האָבן די ציוניסטן געהאַט אינטערעס די פרומע זאָלן אַנטייל נעמען אין די רעגירונג, כדי זיי זאָלן האָבן חיזוק (ווייל דאָס וועט ציען פיל אידן קיין א״י, און עס וועט נוצן אַלס כשר׳ער סטעמפל פאַר די רעגירונג), האָבן דאַן די אגודה אַריינגעטרעטן אין די רעגירונג מיט גרויס צופרידנהייט און פרייד, דאַן האָט זיך ענטפּלעקט אַז די מחלוקת וואָס זיי האָבן געפירט מיט די ציונים ״אין סופה להתקיים״. דאָס זעלבע אויך קעגן די מזרחי, וואָס די אגודה האָט די גאַנצע צייט געשריגן אַז זיי זענען די מהרסי הדת, אָבער ווען די מזרחי האָט זיי געוואָלט אַריינעמען אין זייער פאַרטיי (כדי אינאיינעם זיך צוזושטעלן צו דער רעגירונג) האָבן זיי זיך מיט פרייד צוזאַמען געשלאָסן די פאַרטייען און זיך אַ נאָמען געגעבן ״חזית הדתית״ צו ווייזן אַז זיי זענען לוחם פאַרן דת. אַנשטאַט דעם וואָס אַלעמאָל ביז דאַן פלעגן זיי רופן די מזרחי־מהרסי הדת וכו׳.

״אין פריערדיגן דור זענען נאָכנישט אַזוי ענטפּלעקט געוועזן די וועגן פון די אגודה, אַזוי ווי עס ווייזט זיך אַרויס יעצט, און די אַלע גדולים פון פריערדיגן דור וואָס זייער כוונה מיט׳ן מחזק זיין די אגודה איז געווען לש״ש, איז זיי נישט געקומען אויפן געדאַנק די אַלע מעשה תעתועים וואָס ווערן היינט אָפּגעטאָן. און דער באַגלייבסטער עדות דערצו איז הרב הגה״צ

האדמו"ר מגור זצלה"ה, וועלכער איז געוועזן פון די הויפט שטיצערס פון די אגודה אין זיין צייט, און עס איז געדרוקט געוואָרן פון אים אַן אָפענער בריוו, וואו ער טוט שטאַרק פאַרוואַרפן ווער עס טוט זיך מתחבר זיין צו אַ פּאַרטיי וואָס עס זענען דערין פרייע, אָדער מען באַקומט פון זיי עפּעס אַ מתנה וואָס דאָס איז זעהר שעדליך, און ער האָט זעהר אָנגעוואָרענט דערויף. פאַרשטייט זיך אַז ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט אַז די אגודה אַליין וועט טאָן די אַלע פעלערס, און שפּעטער האָבן זיי זיך נאָך באַהעפטט צו די ציונים אין זייער רעגירונג, און צו די מזרחי און זייער דת, זיי זענען געוואָרן איין פאַרבאַנד "חזית דתית", און אַלע באַקומען זיי נישט נאָר איין מתנה, נאָר דער עיקר עקזיסטענץ און לעבהאַפט פון אַלע אויפטואונגן פון דער אגודה און זייער חינוך סיסטעם איז פון כח מתנת ידם פון די וואָס קומען עוקר צו זיין די גאַנצע תורה כולה ח"ו, און זיי פאַרקויפן זיך צו די ציונים אין וועלכע זיי מאַכן אָפּהענגיק זייער עקזיסטענץ".

אין סימן קמ"א שרייבט דער רבי זי"ע וזלש"ק:

"יעצט וועלן מיר קענען פאַרשטיין די האַרבקייט פון איסור פון גיין צו די בחירות, אויסער דעם וואָס מען איז עובר דערויף אויף "לפני עור לא תתן מכשול" אויף די אַלע עבירות וואָס ווערן אָפּגעטאָן דורך די חברי הכנסת (דען מיט דעם אַליין וואָס זיי זענען מיטגלידערס אין דעם כנסת און זיי זיצן דאָרט, זענען זיי עובר אויף מורא'דיגע איסורים כנ"ל בסימנים הקודמים), איז דאָך נישט מעגליך פאַר זיי צו זיין פאַרלאַמענט מיטגלידערס נאָר דורך שטימען פון די וועלערס, און זיי זענען די שליחים פון די וועלערס, קומט אויס אַז די וואָס גייען וועלן זענען די דירעקטע גורמים צו אַלע איסורים וואָס ווערן אָפּגעטאָן, צווישן זיי אַזעלכע האַרבע ווי: ע"ז, מינות און כפירה, און העברה על השבועות, ג"ע שפכ"ד, און אַלע איסורים וואָס פאַרצווייגן זיך דערפון. מיט דעם אַליין וואָס ער גייט צו די בחירות צו שיקן זיין שטעלפאַרטרעטער צו די הערשאַפט, מיט דעם זעלבסט איז ער שוין מודה אין די טמא'נע ע"ז, און ער ווערט אַ שותף דורך זיין שליח וועלכער זיצט אין דעם מקום הטמא.

"און ווער ציטערט נישט אויף זיין נפש, צו זיין אַ מודה בע"ז

און זיך באַטייליגן אין די אַלע האַרבע איסורים וועלכע זענען די האַרבסטע פון די גאַנצע תורה, און זיי זענען דער שורש פורה ראש ולענה פון אַלע פירצות הדור בעוה"ר, ווייל דורך דעם ווייזט עס אַז מען גלייבט אין די גרויסע געפערליכע לעסטערונג וואָס ווערט געטאָן דורך די מנאצי השי"ת און זיין הייליגע תורה, דורכ'ן כח פון אַ אפיקורסישע ממשלה ר"ל, וואָס דאָס איז מעכב אונזער אמת'ע אויסלייזונג פון דעם ביטערן גלות וועלכער איז דורכגעדרינגען מיט פילע צרות סיי ברוחניות און סיי בגשמיות השם ישמרנו, און מיט מיין ביטער האַרץ בעט איך מיך צו אייך: אל נא אחיי תרעו! טייערע ברידער גייט נישט צו די אומווירדיגע וואַלען. און אין דעם זכות פון די וואָס בוקען זיך נישט צו די עבודה זרה, (זיי גייען נישט צו די בחירות), וועט זיך השי"ת דערבאַרעמען אויף אונז און וועט אונז אַרויסציען פון די ביטערע פינסטערניש מאפלה לאורה ומשעבוד לגאולה במהרה בימינו אמן".

עקסטער דעם איז אַ האַרבע עבירה נאָר דאָס אַריינגיין אין דעם בנין פון כנסת פאַרלעמענט אַליין, ווי רבינו הק' זי"ע ברענגט אין עמ' קט"ז סימן ק"ה וזלש"ק:

"דאָס איז זיכער אַז אָט דער "בית הכנסת" איז אַ שטוב פון מינים וואָס אויסער דעם וואָס מער פון נײַנציג פּראָצענט זענען מינים ואפיקורסים גמורים לכל הדעות, וואו מען נעמט זיך צוזאַמען מיט דעם געדאַנק וויאַזוי עוקר זיין די הייליגע תורה ח"ו. און דאָס גאַנצע גרינדונג פון אָט דעם רעגירונגס פאַרזאַמלונג מיט אירע געזעצן און משפטים און אַלע ענינים, אַלעס איז אַ כפירה גמורה אין די הייליגע תורה. און פון דעם הויז און פון די פאַרזאַמלונג ווערט צעשפּרייט מינות און כפירה אויף די גאַנצע וועלט און איבערהויפּט אין ארץ ישראל. און מיט די געזעצן איבער חינוך וואָס קומט אַרויס פון דאָרט איז מען מטמא אַלע קינדער מיט מינות און כפירה ר"ל, און מיט די אַנדערע ענינים זענען זיי מטמא דאָס מערסטע טייל פון פאָלק קליין און גרויס. און מ'דאַרף האָבן רחמי שמים עס זאָל עפּעס איבערבלייבן, עס איז ממש נישט געוועזן נאָך אַזאַ בית מינות זינט די וועלט שטייט. קומט אויס אַז אפילו נאָר אַריין גיין דאָרט, אפילו מען טוט גאָרנישט, און מ'איז זיך נישט משתתף מיט זיי, איז זעהר האַרב. אַזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די גמרא אַז אפילו ווען אַ מענטש לויפט אים נאָך צו

הרג׳ענען, אָדער אַ שלאַנג לויפט נאָך צו בייסן, מעג מען אַריין גיין אין אַ שטוב פון ע״ז, אָבער נישט אין אַ שטוב פון מינים ואפיקורסים, ווייל די מינים ווייסן אַז ס׳איז פאַראַן אַ בורא כל העולמים און טוען לייקענען במזיד, אָבער די עובדי עבודה זרה ווייסן אינגאַנצען נישט אַז ס׳איז דאָ אַ באַשעפער״. עכל״ק.

דער בית דין צדק פון ירושלים עיה״ק איז אויך צוגעשטאַנען צום איסור. אויך די גאונים און צדיקים פון התאחדות הרבנים האָבן אונטערגעשריבן אַ האַרבן איסור צו וועלן צו די כנסת.

זינט דעמאָלטס איז די מחנה פון ערליכע אידן געוואָרן אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון די אַלע פרומע וועלכע זענען געוואָרן ציוניסטן, זיי האָבן זיך באַטייליגט אין די וואַלן, און געוואָרן שטימער אין סימפּאַטיקער צו די ממשלה.

## זיי ווילן נישט דערמאַנען השי״ת בשום אופן

ווען די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן האָבן די ציונים פאַרפאַסט דעם מגילת עצמאות (דעקלעריישאָן אָוו אינדעפּענדענס) אויף וועלכן עס האָבן גע׳חתמ׳ט די פירער פון אגודת ישראל צוזאַם מיט די כופרים. די פרומע האָבן פאַרלאַנגט אַז אין דעם דעקרעט זאָל דערמאָנט ווערן שם ה׳, דער נאָמען פון באַשעפער. אַזוי ווי עס פירט זיך ביי די גוי׳אישע מלוכות אין זייערע אָפיציעלע פּאַפּירן צו דערמאַנען אַז זיי גלייבן אין ג־ט, אָבער די כופרים האָבן בשום אופן נישט געוואָלט דערמאָנען השי״ת׳ס נאָמען, נאָך פילע אַמפּערייען איז געפינען געוואָרן אַ פשרה מען האָט געשריבן ״צור ישראל״ אַ נאָמען וואָס קען אויסגעטייטשט ווערן אויף צוויי וועגען ווייל צור איז טייטש דער שטאַרקער פון די אידן, דאָס קען באַדייטען אויך דאָס מיליטער פון צה״ל, און להבדיל מען קען זאָגן אַז דאָס מיינט דעם באַשעפער. יעדער וועט טייטשן וואָס ער וויל. אַזוי ווייט האָט געגרייכט זייער כפירה.

## גזירות רעות

די ציוניסטישע רעגירונג און די כנסת האָבן פּראָקלאַמירט און דורכגעפירט אויף אַלע אידן פון ארץ ישראל אַריי האַרבע שווערע גזירות רעות. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן נאָר אויף עטליכע פון די ביטערע גזירות:

**גיום בנות** — יעדעס אידישע מידל אין עלטער פון 18 יאָר מוז דינען אין מיליטער. אַזאַ געזעץ עקזיסטירט נאָר אין נאָך צוויי גאָר געמיינע לענדער. די אָרנטליכע גוי׳אישע לענדער זענען אויך קעגן נעמען מיידלעך אין מיליטער.

די גזירה איז פון די טונקעלסטע גזירות וואָס זענען נגזר געוואָרן אויף אידן אין אַלע דורות. גדולי ישראל האָבן איינגעריסן וועלטן און נאָך פילע פראָטעסטן איז געראָטן אָפּצושרייען אַ טייל פון די גזירה. פרומע מיידלעך קענען זיך באַפרייען פון מיליטער.

עס זענען אָבער פאַראַן פילע טויזענטער אידישע מיידלעך אַריינגערעכענט פרומע ספרד׳ישע מיידלעך וועלכע ווערן נאָך אַלץ גענומען צו מיליטער דינסט און דאָס איז אַ מורא׳דיגע פאַרברעך קעגן די הייליגע תורה און איז אין פולען קאָנטראַסט מיט מאָראַל, צניעות, און מענטשהייט.

**ניתוחי מתים** — אידישע נפטרים ווערן געפּאַלמעסט, און זייערע איברים ווערן נישט געברענגט צו קבר ישראל, אַ זאַך וואָס איז אַ מורא׳דיגע איסור און בזיון המת.

**חיטוטי שכבי** — מ׳פאַרשוועכט קברים פון הייליגע צדיקים, תנאים און אמוראים. אַ זאַך וואָס איז קיינמאָל נישט דערהערט געוואָרן.

**חילול שבת,** — גייט אָן אין גאַנץ ארץ ישראל אין די שטעט. פולע פעקטאָריס אַרבעטן אין שבת. די גאַסן פון די שטעט זענען פאַרפלייצט מיט פילע טויזענטער אָטאָמאָבילען פיל מיט ישראלים מחללי שבת. און אויב ערליכע אידן זענען מוחה קעגן די פרייע ווערן זיי אַריינגעשליידערט אין טורמע און באַהאַנדעלט מיט די גרעסטע מאָס אכזריות.

**שמיטה,** — אין די תורה הקדושה איז פאַראַן אַ מצוה אַז נאָך זעקס יאָר באַאַרבעטן די פעלדער דאַרף מען האַלטן דאָס זיבעטע יאָר שמיטה, מען טאָר נישט אָנזייען, אַקערן, פלאַנצען, די ערד דאַרף רוען. די תורה הקדושה זאָגט בפירוש (פרשת בחוקותי) אַז צוליב די עבירה וואָס אידן האַלטן נישט שמיטה וועלן אידן גיין אין גלות.

די אידן וועלכע האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל אַלע יאָרן האָבן געהיט די מצוה פון שמיטה מיט מסירות נפש. אַ גאַנץ שמיטה יאָר זענען די פעלדער געווען פוסט. אָבער זינט די ציונים זענען געקומען קיין ארץ ישראל האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן די פעלדער אין שמיטה יאָר פונקט אַזוי ווי אַלע יאָרן.

**"חינוך של כפירה"** — אַ מיליאָן אידישע קינדער זענען ערצויגען געוואָרן צו כפירה אין באַשעפער. זיי באַקומען אַ חינוך צו מינות, כפירה, אויסגעלאַסנקייט אין די אָפיציעלע שולעס פון מדינת ישראל.

**נייע עולים** — פילע הונדערטער טויזנטער אידן, נייע אימיגראַנטן זענען מיט צוואַנג געגייט געוואָרן אָפּצושניידן באָרד און פיאות און עסן נבילות טריפות. עס איז טרויעריג באַקאַנט די פרשה פון תימנ'ער אידן וועלכע זענען אַלע געווען ערליך און ווען מען האָט זיי געברענגט קיין ארץ ישראל האָט מען זיי געמאַכט פאַר אויסוואורפן, הולטייעס, נידריגע עלעמענטן, גנבים, רויבערס, באַנדיטן.

## מחאות

דער רבי זי"ע שרייבט אין ספר הקדוש ויואל משה עס ליגט אַ פליכט אויף יעדן ערליכן איד אויסצושרייען אַקעגן די גאַנצע וועלט אַז מיר האָבן נישט קיין שום שייכות מיט די ציוניסטישע מלוכה. מיר זענען מחוייב צו ערקלערן פאַר די אומות העולם אַז די ציוניסטישע מדינה פאַרטרעט נישט דעם כלל ישראל, און דער אמת'ער כלל ישראל וועלכער פירט זיך לויט די תורה וויל נישט אַרויסגיין פון גלות פאַר די באַשטימטע צייט.

דאָס איז דער ציל פון די מחאות — פראָטעסטן וואָס דאָס יהדות החרדית אין אַמעריקע און אין אַנדערע פלעצער אין חוץ לארץ פאַררופט פון צייט צו צייט אין די גאַסן פון די גרויסע שטאָט.

די מחאות ווערן דורכגעפירט פון צייט צו צייט ווען עס קומען פאַר פרישע גזירות און רדיפות קעגן אידן אין ארץ ישראל. דער אויסגעפּרואווטער מיטל אַרויסצוגיין פראָטעסטירן האָט פיל מאָל אויפגעטאָן אָפּצושרייען גזירות אין ארץ ישראל.

און באמת האָט יעדע מחאה וואָס ווערט דורכגעפירט קעגען אַ גזירה רעה וואָס די ציוניסטישע הערשער פראַקטיצירן אין ארץ ישראל דעם וויכטיגסטען צוועק אַרויסצוברענגען די שטעלונג פון שלומי אמוני ישראל קעגען דעם עקזיסטענץ פון די מדינה, און דעמאָלט איז די פאַסיגסטע צייט דאָס אַרויסצוברענגען פאַר די וועלט אָנווייזענדיג ווי ווייט זייער רשעות גרייכט. און גלייכצייטיג זאָלען זיי וויסען אַז מיר האָבן נישט קיין שום שייכות מיט זיי, און מיר טוען נישט אַנערקענען די מדינה און די ממשלה.

עס זענען פאַראַן פרומע קרייזן וועלכע ציען זיך צוריק פון נעמען אַ חלק אין מחאות. זיי פאַרשרייען די ערליכע אידן וואָס פראָטעסטירן קעגן די מלכות המינות אַז זיי מאַכן אָן אַ ״חילול השם״. דער רבי זי״ע האָט מבאר געווען קלאָר און דייטליך אַז דאָס איז דער גרעסטער קידוש השם אַז אידן שאָקלען זיך אָפּ פון די מלכות המינות אין ארץ ישראל. די גוים דאַרפן דאָס וויסן. אַז זיי זענען נישט די בעלי בתים און נישט די וואָרט זאָגערס פון כלל ישראל. ערליכע אידן טוען נישט אָנערקענען זייער מלוכה. און סימפּאַטיזירען נישט מיט זיי.

## ישוב ארץ ישראל

די ציונים האָבן אויסגענוצט די בענקשאַפט פון יעדן איד צו ארץ ישראל, אידן וואַרטן און האָפן צוריקצוקומען אין הייליגן לאַנד און זיי האָבן זיך אַרויף געכאַפּט אויף די מצוה איינצורעדן אידן צו קומען וואוינען אין זייער מדינה.

דער אמת איז אַז ארץ ישראל איז דאָס בעסטע לאַנד פאַר ערליכע אידן וואָס טוען מצות און מעשים טובים אָבער איז אויך דאָס ערגסטע פאַר די וועלכע טוען עבירות אין ארץ ישראל.

ארץ ישראל קען נישט ליידן קיין בעלי עבירה. ווען עס וואוינען אין ארץ ישראל זינדיגע מענטשן אַנטלויפט פון דאָרט די קדושה פון ארץ ישראל און עס ציט זיך אַרויף אַ טומאה פון חוץ לארץ.

חכמינו ז״ל זאָגן ווען איינער זינדיגט אין פּאַלאַץ פון קעניג איז זיין שטראָף פיל האַרבער פון דעם וואָס זינדיגט אויסער דעם פּאַלאַץ. ארץ ישראל איז דער קעניגליכער פּאַלאַץ.

די תורה הקדושה זאָגט ״ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה״ ארץ ישראל טוט אויסשפּייען בעלי עבירה.

דאָס גאַנצע ענין פון וואוינען אין ארץ ישראל איז נאָר געזאָגט געוואָרן פאַר ערליכע אויסגעאַרבעטע אידן וועלכע קומען קיין ארץ ישראל נאָר צו דינען השי״ת און זיי זענען שטאַרק אָפּגעהיט פון יעדע עבירה, אָבער די וועלכע ווען מעגליך זינדיגן אין ארץ ישראל איז דאָס וואוינען אין ארץ ישראל אַ גרויסער חסרון.

# געלט שטיצע פאַר מוסדות התורה

דאָס איז אַ כלל גדול אַז כח הפועל בנפעל, דער מענטש וואָס שטיצט און פינאַנסירט אַ פראָיעקט ליגט דערין זיין כח, די גאַנצע זאַך איז אונטער זיין איינפלוס.

דער ערשטער יסוד אויף וואָס אַ ערליכער מוסד איז געשטעלט איז אַז די געלט קוואַלן די מקורות אויף וואָס דער מוסד האַלט זיך זאָלן זיין ערליכע און ריינע.

איינס פון די ביטערסטע קאַמפן וואָס ערליכע אידן פירן אָן קעגן די ציונים איז אַז די מוסדות התורה זאָלן נישט נעמען די מינדעסטע געלט שטיצע פון די רעגירונגס קאַסע.

גדולי ישראל אין פריערדיגן דור האָבן גע׳פסק׳נט אַז מ׳איז מחוייב צו קעמפן מיט מסירות נפש ממש נישט צו דערלאָזן אַז די תלמוד תורות, ישיבות, מיידל שולעס זאָלן געניסן פון געלט וואָס קומט פון די רשעים.

עס איז אַ פאַקט, די אַלע מוסדות וואָס זענען נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און האָבן יאָ גענומען געלט פון די ציונים זענען במשך די צייט אריינגעכאַפט געוואָרן אין זייער נעץ און געוואָרן באַפריינדעט מיט די ציונים. דאָס האָט משפיע געווען אויף דעם גאַנצן געשטאַלט פון דעם מוסד.

דער הייליגער חינוך איז דער יסוד היסודות פון כלל ישראל, אידן אין אַלע דורות זענען גרייט געווען צו מסירות נפש נישט צו פאַרענדערן אַ פינטל פון דעם וועג וואָס מיר האָבן מקבל געווען.

זעענדיג דעם שווערן נסיון פון די תלמוד תורות אין ארץ ישראל זיי זאָלן נישט פאַרכאַפט ווערן אין דער נעץ פון די ציונים, האָט דער רבי זי״ע גראָד נאָכ׳ן אָנקומען פון די שווערע לאַגערן קיין א״י געזאָרגט פאַר׳ן חינוך הטהור פון אונזערע ברידער אין א״י, און תיכף ביים אָנקום האָט דער רבי זי״ע געגרינדעט די ברייטפאַרצווייגטע מוסדות התורה והחינוך אין עטליכע שטעט אין א״י באַקאַנט אונטערן נאָמען "מוסדות יטב לב", מיט אַ חינוך הונדערט פראָצענט, במלוא מובן המלה, לויט די אָנווייזונגען וואָס ווערן גע׳פסק׳נט אין דעם הייליגן ספר ויואל משה, ריין פון יעדע פשרה פון די אַלגעמיינע וועלט, די מוסדות זאָלן אויך דינען אַלס אַ לייכט טורעם און וועג ווייזער פאַר אַלע ערליכע מוסדות. אין מוסדות יטב לב האָט רביה״ק אריינגעלייגט געוואַלדיגע כוחות, און אַראָפּגעשטעלט פעסטע יסודות אַזוי ווי רביה״ק שרייבט: אַז זיין ציל איז "להעמיד יסוד חזק לתורה

ולתעודה לדור דורות..." "והוא מבצר חזק לקיום התוה"ק ולמצב היראים וחרדים בגדרי התוה"ק שמה באה"ק".

עס איז באַקאַנט אַז רביה"ק זי"ע האָט כל ימיו געזאָרגט פאַר מוסדות יטב לב, און ס'איז געווען עינו ולבו שם כל הימים, און צוליב די מוסדות האָט ער גענומען דעם וואַנדער שטעקן און געקומען קיין אַמעריקע צו שאַפען נדיבים פאַר מוסדות יטב לב. ביי די מסיבות פאַר מוסדות יטב לב פלעגט דער רבי ז"ע אַרויסברענגען די גרויסקייט פון שטיצען די מוסדות אין ארץ ישראל. און האָט קלאָר געזאָגט אַז עס איז וויכטיג אַז די געלט מקורות זאָלען קומען פון היימישע אידן אין חו"ל, כדי צו פאַרזיכערן די גאַנצקייט און ריינקייט פון דעם הייליגן מוסד לדורי דורות.

ווען עס האָט זיך געמאַכט דער שווערער נסיון אויף די תלמוד תורות אין א"י, די רעגירונג האָט פאַרטיילט ריזיגע סומעס געלט, כדי אַריינצוכאַפן די ערליכע מוסדות אין זייער נעץ, האָט דער רבי זי"ע געגרינדעט אַ ספעציעלען רעטונג פאָנד — קרן הצלה — צו שטיצן די ערליכע מוסדות זיי זאָלן זיך קענען שטאַרקן בייצושטיין דעם שווערן נסיון. אין זומער תשל"ח איין יאָר פאַר זיין הסתלקות איז דער רבי זי"ע אויפגעטרעטן פאַר אַריבער צען טויזענט אידן מיט אַ פלאַמפייערדיגע דרשה אין די אָנוועזנהייט פון בית דין צדק פון די עדה החרדית פון ירושלים און האָט אויפגעפאָדערט אַלע אידן צו טאָן איבער די כוחות פאַר די ערליכע מוסדות אין ארץ ישראל זיי זאָלן נישט אונטערפאַלן אונטער די השפעה פון די ציונים.

דער רבי זי"ע האָט געזאָגט ביי דעם גרויסן מעמד "ווען משיח וועט קומען וועט ער ווייזן מיט'ן פינגער דאָס זענען די אידן וואָס האָבן מקרב געווען די גאולה".

היינט צוטאָג צען יאָר נאָך דעם גרויסן מעמד זעט מען בחוש די גרויסע הצלה וואָס רבינו הק' האָט פאַרגעברייט אויף דורות.

## לשון הקודש

לשון הקודש איז די הייליגע שפראַך אין וועלכע השי"ת האָט געגעבן די תורה. די שפראַך האָט נישט קיין אומריינע ווערטער. צוליב איר הייליגקייט פלעגן זיך ערליכע אידן באַנוצן מיט די שפראַך נאָר צו לערנען תורה און מצוות. אָבער צו די טאָג טעגליכע געשפרעכן האָבן זיי באַנוצט אַן אַנדערע שפראַך. ווייבער זאָלן אינגאַנצן נישט לערנען לשון הקודש צוליב עטליכע טעמים.

ווען די ציונים האָבן אויספלאַנירט ווי אַזוי אַריינצוכאַפּן די תמימות'דיגע אידישע מאַסן אין זייער נעץ, און אַזוי ווי זייער ענדגילטיגער ציל איז געווען צו מאַכן ככל הגוים בית ישראל, אַ פאָלק אָן קיין תורה און אמונה, האָבן זיי געמוזט זוכן אַ אַלטערנאַטיוו וואָס זאָל צוזאַמענהאַלטן דעם נאַציאָנאַליזם, דאָס פאָלק זאָל זיך האַלטן אינאיינעם. האָבן זיי באַשלאָסן אַז פונקט ווי אַלע אַנדערע פעלקער האַלטן זיך צוזאַם ווייל עס פאַראייניגט זיי זייער היימלאַנד און זייער אייגענער שפּראַך, האָבן זיי אויך ערפינדן אַ אייגענע שפּראַך, עס איז זיי נישט גוט געווען דעם אַלטער לשון הקודש ווייל דאָס איז געווען די שפּראַך פון די תורה אידן און זיי האָבן דאָס געוואָלט אויסרייסן. האָבן זיי באַשאַפן אַ נייע צוזאַם געשטיקעלטע שעטנז שפּראַך עברית.

דער רבי זי"ע ערקלערט אַז די העברעאישע שפּראַך איז פילע טויזענטער מאָל ערגער ווי אַלע גוי'אישע שפּראַכן, ווייל עס שטייט אין פרקי דרבי אליעזר אַז ווען השי"ת האָט צעשפּרייט די פעלקער ביים דור הפלגה, האָט השי"ת אַראָפּגעשיקט זיבעציג מלאכים און זיי איינגעטיילט פאַר די זיבעציג פעלקער, און זיי צוגעטיילט פאַר יעדען פאָלק פון די ע' אומות זיין אייגענע שפּראַך. פון דאָרט נעמט זיך די ע' לשונות (זיבעציג שפּראַכן) יעדע שפּראַך האָט זיין שורש פון איינעם פון די זיבעציג מלאכים. קומט אויס אַז יעדע גוי'אישע שפּראַך האָט עפּעס אַ שורש אויבען, אָבער די נייע העברעאישע שפּראַך, שטאַמט נישט פון קיין שום מלאך, און האָט נישט קיין שורש פון ערגעץ, נאָר פון דעם שטן וועלכער האָט זיך פאַרלייגט אויפ'ן הייליגען לאַנד (אַזוי ווי דער ב"ח זאָגט אַז ווען מ'איז מטמא דאָס הייליגע לאַנד און די שכינה הקדושה גייט אַוועק, דעמאָלט ווערט דער ס"מ אַליין, דער בעל הבית, דער הערשער, פון ארץ ישראל) דורך זיינע אַגענטן די ציוניסטישע פּאַרטיי, קומט אויס אַז "עברית" שטאַמט פונם ס"מ אַליין, און נישט פון קיין שום מלאך אַזוי ווי די זיבעציג לשונות. פון דעם קען מען אויפדרינגען ווי גרויס און טיף איז די טומאה פון "עברית".

דער ערפינדער פון עברית איז געווען דער באַקאַנטער כופר בעיקר אליעזר בן יהודה שר"י. ער האָט די שפּראַך אויסגעדרייט די נקודות דעם אויסדרוק, און אויך האָט ער דירעקט געגעבן אַ נייעם באַדייט פאַר אויסדריקן און ווערטער וואָס זענען ריכטיג כפירה און אַפּיקורסות, און אויך אומווירדיגע געמיינע אויסדריקן.

אין מאמר לשה"ק עמ' תכ"ח סימן כ"ד, שטייט:

"וועגן די ענדערונגען וואָס ווערן געמאַכט אין די שפּראַך, איז ערקלערט אין רבינו בחיי פ' וירא, דאָס מיר טרעפן אַז ווער עס פאַרטוישט אַ פּתח מיט אַ קמץ, קען נישט מעגליך זיין ער

זאָל פאַרהיטן ווערן פון איינס פון די צוויי זאַכן, אָדער ער וועט צוברעכן די כוונה פונעם וואָרט, אָדער קען ער צוקומען צו כפירה. און דאָרט האָט ער לאַנג אַרומגעשריבן אין וואָספאַראַ אופן עס קען צוקומען צו כפירה ר״ל. און ער שרייבט אַז דאָס איז פון די חכמה וואָס ליגט אין אונזער ג־טליכע תורה און אין זיין הייליגע שפּראַך, די נקודות באַוועגן די ווערטער אַזוי ווי די נשמה באַוועגט דעם גוף.

״פון דעם פאַרשטייט מען, אַז די מינים און אפיקורסים וועלכע האָבן געמאַכט אַזויפיל ענדערונגען אין אויסדרוק פון די אותיות און נקודות, צוצוגעבן און אַראָפּצונעמען, דען אויסער די ענדערונגען צווישן די אשכנזי׳שע אויסדרוק און די ספרדי׳שע אויסדרוק, האָבן זיי אויך צוגעגעבן פיל נייע ענדערונגען וואָס עס האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט אונזערע עלטערן און אור־עלטערן. און זיי האָבן צוגעגעבן נייע ווערטער וואָס זענען צוזאַמענגעשטעלט אין זייער שפּראַך אין אַזאַ פאָרעם אַז עס מוז ענדערן דעם וויכטיגסטן פּונקט פון די פינטעלעך וואָס דאָס באַוועגט די אותיות, און מען קומט אַדורך דעם צו גענצליכע כפירה ר״ל אין די הייליגקייט פון די שפּראַך.

״יעדער אות און פינטעלע אין לשה״ק זענען דברים העומדים ברומו של עולם, און ווער עס מאַכט דערין ענדערונגען זאָל ער וויסן אַז ער מאַכט ענדערונגען אין הויכע הימליש זאַכן. ובפרט אַז די פערפאַסערס פון די שפּראַך זענען געווען געפערליכע מינים ר״ל, און די מחשבה פון אַ מין איז דאָך צוצושפּרייטן מינות. מיר וויסן אַז ״בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו״ ווי איך האָב שוין פריער אַראָפּגעברענגט פון מהרש״א, איז נישט קיין ספק אַז מ׳האָט זיי אַזוי געפירט זאָלן מאַכן אַזעלכע ענדערונגען וואָס עס איז דאָ דאָרט חירוף וגידוף ר״ל.

״און אפילו אויב זיי וואָלטן נישט געמאַכט קיין ענדערונגען אין די שפּראַך — אַזוי ווי זיי האָבן אַריינגעמישט פרעמדע שפּראַכן און דברי מינות אין לשה״ק — נאָר זיי וואָלטן גערעדט לשה״ק ממש אַזוי ווי אין אַמאָליגע צייטן, נאָר זיי וואָלטן פאַרטוישט אַז די אשכנזי׳שע, שאָלן רעדן לשה״ק מיטן ספרדי׳שן אַקצענט, וואָס אייגנטליך איז דער נוסח פון די

ספרדים ביי זיי קודש קדשים, דען די מנהגים פון די אשכנזים און ספרדים וועלכע זענען אָנגענומען ביי זיי פון זייערע עלטערנס עלטערן אלו ואלו דברי א־לוקים חיים. אָבער אויב די אשכנזי'ישע ענדערן זייער אויסדרוק ווי די ספרדי'ישע, איז קלאָר אַז מ'דאַרף וויסן פון וואו דאָס שטאַמט". עכל"ק

מיר וועלן ברענגען איין ביישפיל וואָס זייער ענדערונג באַדייט: דאָס וואָרט "אגדה" האָט ביי אונז אידן אַ הייליג באַגריף. דאָס וואָרט באַצייכענט די "אגדות חז"ל" די טיפע סודות'פולע מעשיות און מאמרים אין ש"ס און מדרשים וואָס ווערן געלערנט מיט הייליגן ציטער. די אפיקורסים האָבן גענומען דאָס וואָרט אגדה און דערמיט באַצייכענט אַ נייעם באַגריף אַ "באָבע מעשה", אַ אויסגעטראַכטע זאַך (אַ אימעזשינערי) מיט דעם האָבן די אפיקורסים געצילט צו פאַרלייקענען די אַלע סיפורים פון חז"ל אַלס אויסגעטראַכטע זאַכן עפרא לפומייהו.

עס איז באַוואוסט אַז דער רשע א. בן יהודה שר"י, איז גע'פגר'ט אין מיטן שבת קודש מיט אַ פענע אין האַנד.

די שפּראַך עברית איז געוואָרן די נאַציאָנאַליסטע שפּראַך פון די מדינה.

דער רבי זי"ע פסק'נט להלכה אַז עס איז גאָר אַ האַרבער איסור צו רעדן די העברעאישע שפּראַך און אַז מיט דעם וואָס מען לערנט און רעדט זייער שפּראַך האָט מען אַ חלק צו פאַרשטאַרקען דעם כח פון אפיקורסות ווייל דאָס איז זייער גאַנצן ציל און מיט דעם גיט ער חיזוק פאַר די מינים און אפיקורסים הייסט ער דורך דעם אַז ער איז מודה בעבודה זרה. ער טוט אָנערקענען די עבודה זרה און מינות. עס איז פונקט ווי מ'בוקט זיך צום צלם, און נאָך פיל ערגער ווייל מינות איז האַרבער פון עבודה זרה.

## אמת'ע ניסים און פאַלשע ניסים

די ציוניסטן האָבן שוין געפירט עטליכע גרויסע מלחמות קעגן די אַראַבער אויסער פילע קלענערע מלחמות. די אַראַבער וועלכע זענען צוריקגעשטאַנענע זענען געוועזן דורכגעפאַלן אין די קאַמפן קעגן די סאָלדאַטן פון מדינת ישראל. טראָצדעם האָבן זיי גע'הרג'עט ביי די מלחמות פילע אידישע קרבנות. טויזענטער אידישע פאַמיליעס זענען געבליבן אָן אַ מאַן אָן אַ טאַטע. אלמנות און יתומים פון די אומגעקומענע אין די שלאַכטן.

טראָץ די פילע אבידות נאָך יעדע מלחמה. האָבן די נצחונות פונ'ם ציוניסטישן מיליטער פאַר'שיכור'ט אַ גרויסע טייל פון די איינוואוינער פון מדינת ישראל און די פרומע האָבן דאָס גאָר איינגעהילט אין ניסים פון הימל.

דער רבי זי"ע האָט געוויטאָגט דעם ווייטאָג פון די אומגליקליכע וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע לעבענס, זיי האָבן זיך מקריב געווען פאַר די פאַלשע אילוזיעס פון מדינת ישראל. גלייכצייטיג האָט רבינו הקדוש איינגעריסן קעגן די וואָס פרייען זיך מיט זייערע נצחונות.

דער רבי זי"ע האָט דעמאָלט באַפוילען פאַרן ראש הישיבה און מנהל רוחני הגאון המפורסם רבי נתן יוסף מייזעלס שליט"א (כעת אב"ד קהל יטב לב לאנדאן) ער זאָל אויפקלערן פאַר די בחורי הישיבה די האַרבקייט פון זיך מיטפרייען און הנאה האָבן פון זייערע נצחונות.

1) ערשטענס דאָס גאַנצע מיליטער פון די ציונים דער "צה"ל" איז געבויט אויף די כפירה פון כחי ועוצם ידי. זייער סלאָגאַן איז "ישראל בטח בצה"ל" אַנשטאָט די ווערטער פון פסוק "ישראל בטח בה'". זיי פאַרזיכערן זיך אויף זייער מאַכט, אויף די עראָפּלאַנען, אויף די קאַנאָנען, אויף זייערע פעאיגקייטן, זיי גלייבן נישט אַז אַלעס איז אין באַשעפערס האַנט.

2) די ציוניסטן העצן אויף די אַראַבער און האָבן אָנגעפירט אומנויטיגע מלחמות וואָס וואָלט געקענט ערלעדיגט ווערן דורך פאַרהאַנדלונגען, אָן שפיכות דמים. זיי זענען די גרעסטע מופקרים מיט גרעניצלאָזע שטאָלץ און אַראָגאַנץ. זיי זענען גרייט מקריב צו זיין מענטשליכע לעבנס אָן קיין קווענקלענישן.

3) לויט די תורה הקדושה מעגן אידן אָנפירן אַ מלחמה נאָר מיט די ערלויבענישן פון די סנהדרי גדולה פון 71 סנהדרין. יעדע מלחמה וואָס ווערט געפירט אָן רשות פון די סנהדרין איז שפיכות דמים.

4) השי"ת באַווייזט וואונדער נאָר פאַר צדיקים גמורים וועלכע זענען ווערט דערצו. עס איז אַ כפירה צו זאָגן אַז השי"ת טוט ניסים פאַר רשעים וואָס דער גאַנצער עקזיסטענץ פון זייער מלוכה איז אין קעגנזאַץ צום רצון הבורא ב"ה.

5) דער וואָס פרייט זיך מיט זייער הצלחה פרייט זיך מיט'ן וואוקס און אויפשטייג פון דעם כח פון ס"מ.

6) דער וואָס גלייבט אַז עס זענען פאַר זיי געשען ניסים טוט פאַרשוועכן און

פאַרלייקענען די אמת'ע ניסים וואָס השי"ת האָט געטאָן פאַר'ן אידישן פאָלק ביי יציאת מצרים, קריעת ים סוף א.א.וו.

## כותל מערבי

דאָס הייליגסטע פלאַץ פאַר'ן אידישן פאָלק איז דער מקום המקדש. איין איינציגער זכר איז פאַרבליבן פון מקום המקדש, דאָס איז די מערב וואַנט, דער כותל מערבי ווי אידן אין אַלע דורות פלעגן זיך אויסגיסן דאָס האַרץ מיט תפלה און תחנונים פאַר'ן באַשעפער.

זינט די אַלטע שטאָט ירושלים איז געווען אונטער די הערשאַפט פון די אַראַבער האָבן אידן נישט געקענט צוקומען צום כותל מערבי. זעלבסט־פאַרשטענדליך אידן האָבן געגלוסט מתפלל צו זיין ביים הייליגן אָרט. ווען די ציונים האָבן איינגענומען די אַלטע שטאָט ירושלים איז זייער גרעסטער שטאָלץ און רום געווען דער כותל. די ערשטע זאַך איז געווען אויפצוהענגען דעם בלוי ווייסן פאָן אויפ'ן כותל. די פירערס פון די מדינה האָבן זיך פאָטאָגראַפירט ביים כותל. דאָס האָט געבערענגט די גרעסטע פרייד און שטאַרקייט פאַר זיי.

די אַלע אידן וועלכע גייען צום כותל שפירן אָטאָמאַטיש אַ דאַנקבאַרקייט געפיל פאַר די ציונים וועלכע האָבן זיי ערמעגליכט צוצוקומען צום הייליגן פלאַץ און דורך דעם ווערן זיי העלדן און מען פאַרהערליכט זיי און דאָס ברענגט צו מען זאָל זיי אַנערקענען און מיטגעשלעפט ווערן מיט זייער מלוכה, וואָס זייער גאַנצער עקזיסטענץ איז קעגן די תורה און איז געבויט אויף מינות און אפיקורסות.

אַ יעדע זאַך אפילו אויב דאָס איז אַ דבר טוב, אויב שטאַמט דאָס פון אפיקורסים טאָר מען דאָס נישט נאָכטאָן. וויבאַלד דאָס גיין צום כותל איז געקומען דורך זייער מלחמה, דורך זייער שפיכות דמים וואָס איז קעגן די תורה טאָר מען נישט הנאה האָבן דערפון.

דער רבי זי"ע שרייבט (עה"ג ועה"ת סי' פ"ט) אַז מיט דעם גיין גיט מען אַ גרויס שטאַרקייט פאַר די רשעים, דעריבער "חלילה" אַז מ'זאָל גיין אַהין.

ווען אידן נעמען איין ארץ ישראל טאָר מען נישט איבערלאָזן קיין עבודה זרה, דאָס איז אַ מצוה פון די תורה "אבד תאבדון". די ציונים האָבן איבערגעלאָזט אַלע קלויסטערס, אַלע תפלות, און נאָכמער, זיי שטיצן זיי און האַלטן זיי אויס מיט גרויסע געלטער.

אויך אויפ'ן מקום המקדש איז פאַראַן אַ תיפלה. דער איד וואָס גייט צום כותל טוט אַנערקענען דאָס וואָס די ציונים האַלטן אויף די עבודה זרה'ס אין ירושלים עיר הקודש און דאָס איז אַ מורא'דיג'ער איסור.

דאָס האַרץ ווייטאָגט אַז מען קומט צום כותל מערבי פילע טוריזענטער קאַרס אין שבת קודש, פריצות'דיג, דאָס פאַרשוועכט די קדושה און די שכינה גייט אַוועק פון דעם אָרט.

## מען טרעט אויפ'ן מקום המקדש

עס איז פאַראַן אַ גאָר האַרבער איסור, אַז אַ איד טאָר נישט גיין אויפ'ן מקום המקדש, אויפ'ן הר הבית, היינט גייען פילע אידן אויפ'ן הייליגסטן פלאַץ אויפ'ן הר הבית וואָס איז אַ חיוב כרת.

אויך שרייבט דער רבי זי"ע אַז וועגן די אויבענדערמאַנטע טעמים זאָל מען זיך אויך פאַרמיידן פון צו גיין אויף קבר רחל און מערת המכפלה.

## דער ריכטיגער באַדייט פון אחרי רבים להטות

אין ברען פון דעם קאַמף קעגען די ציונים, צי איז דאָס געווען ביים גרינדונג פון די מדינה, צי ביים טייל נעמען אין די בחירות, אָדער ביים נתפעל ווערן פון זייערע פאַלטשע נסים האָבן מאַנכע אַרויסגערוקט אַ טענה, אַז די תורה הקדושה זאָגט: אחרי רבים להטות, דהיינו אויב ס'איז פאַראַן אַ פלוגתא צווישן די חכמים דאַרף מען טאָן אַזוי ווי דער רוב פון זיי האַלטן, און דער מיעוט דאַרף זיך בייגען פאַרן רוב. ממילא זאָל מען זען ווי אַזוי רוב רבנים אין דור האַלטן.

דער רבי זי"ע אין ספר הקדוש ויואל משה ווייזט אויף מיט פעסטע הלכה'דיגע יסודות אַז ביים דעם ענין איז אינגאַנצען נישט שייך דער ענין פון רוב און מיעוט. די הלכה'דיגע באַהויפטונג איז געבויעט אויף יסודות פון שולחן ערוך חושן משפט

און גדולי הפוסקים. דער הלכה'דיגער בירור ווערט באַהאַנדעלט אין מאמר שלש שבועות (פון סימן קמ"ה ביז סימן קע"ו).

מיר וועלן נאָר אַראָפּברענגען איינס פון די יסודות אין דעם ענין וואָס טוט אויפקלערען דעם כלל אחרי רבים להטות אין זיין ריכטיגען באַדייט:

דער דעת תורה פון אַלע גאונים וצדיקים פון פריערדיגן דור איז אַ קלאָרער און אומצווייד׳יטיגער, אַז דער רעיון הציוני איז גאָר אַ האַרבער איסור, און די גרינדונג פון אַ זעלבסטשטענדיגע אידישע מדינה פאַר ביאת המשיח איז מינות און כפירה און האַרבער פון ע"ז. די גדולי ישראל פון אַלע קרייזען אין אַלע מדינות האָבן געוואָרענט מיט די האַרבסטע וואָרענונגען מען זאָל זיך דערווייטערן פון יעדן שייכות מיט זיי. די גדולי ישראל האָבן באַקעמפט ציוניזם מיט מסירות נפש. זיי האָבן געזען דערין דעם גרעסטן אומגליק פאַר כלל ישראל.

ממילא איז אינגאַנצען נישט שייך צו באַהאַנדלען דאָס ענין, עס איז נישט אַקטועל צו קוקען אויף די מיינונגען פון רוב און מיעוט און לויט דעם באַשלוסן וויאַזוי צו האַנדלען אַמבּוואַלאַנגט די אויפגעקומענע מדינה, ווייל די זאַך איז שוין אָפּגעפּסק'נט געוואָרן איינשטימיג, אָן קיין צווייפעל, דורך גדולי ישראל פון פריערדיגען דור, און קיינער קען נישט היינט אָפּרעגען און ענדערן זייער פסק הלכה. און אפילו אויב רוב זאָלן האַלטן אַנדערש האָט זייער מיינונג נישט קיין ווערט.

דער רבי זי"ע ברענגט אַ ענליכן ביישפּיל פון חזקי' המלך ווי פאָלגענד: די גמרא אין סנהדרין זאָגט (דף כ"ו ע"א): ווען סנחריב הרשע און זיין ריזיג מיליטער האָבן באַלאַגערט ירושלים, האָבן עקזיסטירט אין ירושלים עיה"ק צוויי גרויסע ישיבות, איין ישיבה האָט אָנגעפירט חזקיהו המלך דער גרויסער צדיק, און די אַנדערע ישיבה איז געפירט געוואָרן דורך דעם ראש הישיבה, שבנא. די ישיבה פון חזקיהו המלך האָט געציילט עלף טויזענט חכמים און די ישיבה פון שבנא האָט געציילט דרייצן טויזענט חכמים.

ווען סנחריב דער קעניג פון אשור האָט אַרומגערינגעלט ירושלים האָט שבנא דער ראש ישיבה פון די גרעסערע ישיבה געשריבן אַ בריוו צו סנחריב: "איך שבנא מיט מיין גרופּע חכמים (ד.ה. די דרייצן טויזענט תלמידי חכמים פון זיין ישיבה) ווילען שלום מאַכן מיט דיר און זיך אונטערוואַרפן אונטער דיין הערשאַפט, נאָר חזקיהו המלך מיט זיין ישיבה ווילען נישט שלום מאַכן..." "שבנא" האָט גענומען דעם בריוו, אים אָנגעבינדען אין אַ פייל און דאָס אַרויסגעשאָסן צו סנחריב'ס לאַגער. ווען חזקיהו המלך איז געוואויר געוואָרן פון דעם פאַררעטערישן שריט פון

שבנא, האָט ער זיך געשראָקען זאָגענדיג אפשר וועט חס ושלום דער באַשעפער נאָכגיין נאָך די מיינונג פון דעם רוב (די מאיאָריטעט), און ווי באַלד דער רוב פון די חכמים, דהיינו שבנא מיט זיין ישיבה ווילען זיך איבערגעבן צו סנחריב, וועלען די איבעריגע, — חזקי׳ און זיין ישיבה — אויך איבערגעגעבן ווערן צום שונא.

האָט אים דער נביא ה׳ ישעי׳ געזאָגט, זאָלסט נישט מורא האָבן דאָס איז אַ ״קשר רשעים״, אַ פאַראייניגונג פון רשעים, ״וקשר רשעים אינו מן המנין״, און אַ פאַרבאַנד, אַ פאַרטיי פון רשעים, ווערט נישט גענומען אין באַטראַכט, מען קען זיי נישט ציילען ווען מען רעכענט די מיינונגען פון דעם רוב און דעם מיעוט. ממילא זאָלסט נישט לייגען קיין אַכט דערויף אַז זיי זענען די מערהייט, ווייל זייער מערהייט קומט נישט אין באַטראַכט.

די גמרא פאַרענדיגט אַז שבנא האָט באַקומען אַ ביטערן עונש פאַר זיין פאַררעטערישן שריט, און חזקיהו המלך האָט באַזיגט די מחנה פון סנחריב דורך דעם באַשעפערס וואונדער.

דער רבי זי״ע ערקלערט דעם ענין וואָס איז לכאורה אומפאַרשטענדליך, וויאַזוי האָט חזקיהו המלך מורא געהאַט טאָמער וועט דער באַשעפער נאָכגיין נאָך די מיינונג פון דעם רוב, וויבאַלד חזקיהו האָט דאָך געוואוסט דעם אמת אַז ער איז גערעכט און שבנא איז אַ פאַררעטער, טאָ ווי איז דאָס מעגליך אַז השי״ת זאָל מסכים זיין צום רוב און טאָן פאַרקערט פון דעם אמת. אויך איז אומפאַרשטענדליך וויאַזוי האָט ער געזאָגט טאָמער ״חס ושלום״ וועט השי״ת מסכים זיין צו שבנא און זיין גרופע, אויב השי״ת וועט אַזוי האַלטן איז דאָס זיכער אמת, טאָ ווי קען ער דערויף זאָגען דעם אויסדרוק ״חס ושלום״.

נאָר דער רבי זי״ע איז מבאר אַז ווען ס׳איז פאַראַן צווישען די חכמים אַ פלוגתא אין אַ הלכה, איז כאָטש אין הימעל האָט מען גע׳פסק׳נט די הלכה ווי איין מיינונג, אויב אָבער זעצען זיך צוזאַם די חכמים אין דור, און דער רוב האַלטן אַנדערש, זאָגט השי״ת אחרי רבים להטות. אַזוי ווי מיר געפינען אין די גמרא ביי די מעשה פון ר׳ אליעזר הגדול וועלכער איז געווען איינער אַליין אין זיין מיינונג קעגען אַלע חכמים, און ס׳איז אַרויס געקומען אַ בת קול פון הימעל אַז די הלכה איז ווי ר׳ אליעזר, אָבער ווען דער רוב חכמי ישראל האָבן גע׳פסק׳נט פאַרקערט האָט השי״ת געזאָגט נצחוני בני, מיינע קינדער האָבן מיר באַזיגט.

דער באַדייט דערפון איז, אַז השי״ת איז מסכים צו די מיינונג פון דעם רוב חכמי ישראל אין יענעם דור.

דערפאַר האָט זיך חזקי׳ געפאָרכטן, אַזוי ווי שבנא האָט געהאַט דרייצן טויזענט תלמידים און ער האָט געהאַט נאָר עלף טויזענט, טאָמער וועט השי״ת נאָכגיין נאָכ׳ן רוב, ווייל ער האָט מורא געהאַט אפשר איז דאָס אַ אמת׳ער רוב, אַ מערהייט וואָס איז אויסגעהאַלטן לויט די תורה.

און דער רבי זי״ע ערקלערט, אַז פון חז״ל זען מיר קלאָר אַז שבנא איז אייגענטליך געווען אַ גדול בתורה, און אויך אַ צדיק, און דערפאַר האָט חזקי׳ מורא געהאַט טאָמער וועט זיין די הלכה ווי דער רוב.

אָבער דער נביא האָט אים געזאָגט: חזקי׳ המלך פאָרכט דיך נישט ווייל דאָס איז אַ ״קשר רשעים״ און קשר רשעים אין מן המנין.

און דער מהרש״א ערקלערט דעם באַדייט אַז אין אמת׳ן איז שבנא זעלבסט און אויך זיין גרופע נישט געווען קיין רשעים. נאָר אַזוי ווי סנחריב הרשע האָט געלעסטערט דעם נאָמען פון השי״ת, ער איז געווען אַ מחרף ומגדף מערכות אלקים חיים, ממילא ווען שבנא און זיין ישיבה האָבן געוואָלט שלום מאַכן מיט סנחריב הרשע איז דאָס געווען אַ מחשבה רעה, צו שליסן אַ בונד מיט אַ מחרף ומגדף אַ לעסטערער פון באַשעפערס נאָמען, און וויבאַלד זיי האָבן געהאַט אַזאַ שלעכטן געדאַנק איז דאָס געווען אַ קשר רשעים, זיי האָבן זיך געוואָלט אָנשליסן מיט רשעים, און ווען עס ווערט זיך אַ קשר רשעים, אינו מן המנין, רעכענט זיך השי״ת אינגאַנצען נישט מיט זייער צאָל. טראָצדעם וואָס זיי זענען די מערהייט, זיי האָבן דרייצן טויזענט חכמים, ווערט דאָס נישט גענומען אין באַטראַכט. דער רוב איז נישט קיין רוב, און קען נישט גענומען ווערען אין חשבון ביים פסק׳נען אַ הלכה.

און פון דאָ זעט מען קלאָר, אַז כאָטש שבנא איז געווען אַ אדם גדול, אַ צדיק, אַ גרויסער תלמיד חכם, ער האָט פאַרמאָגט די גרעסטע ישיבה, און האָט געהאַט מיט זיך דעם רוב תלמידי חכמים, אָבער וויבאַלד ער האָט געשלאָסן אַ קשר מיט דעם רשע סנחריב, — כאָטש ער האָט דאָס נישט געטאָן במזיד, נאָר האָט געהאַט אַ טעות — איז זיין מיינונג נישט מאַסגעבענד, און קען אינגאַנצען נישט גענומען ווערען אין באַטראַכט, מען רעכענט זיך נישט מיט זייער מיינונג ביים ציילען די דיעות און באַשטימען די מיינונג פון דעם רוב.

און דער טעם דערפון איז מבואר אין אויבענדערמאַנטן מהרש״א וואָס פאַרטייטשט דעם קשר רשעים אינו מן המנין אויף דעם אופן: ״קשר רשעים״ וויבאַלד מ׳פאַרבינדעט זיך מיט רשעים, ״אינו״ — איז השי״ת מער נישט, ״מן המנין״ פון זייער צאָל, און וויבאַלד השי״ת איז מער נישט אין זייער צאָל, איז

זייער מיינונג נישט גילטיג, עס האָט נישט קיין שום ווערט.

און אויף דעם דרך זאָגט דער רבי זי״ע פשט אין דעם מאמר חז״ל ״יחיד ורבים הלכה כרבים״, ווען איינער קריגט זיך אין הלכה קעגען אַ רבים — מערערע — איז די הלכה ווי די מערהייט. לכאורה איז דאָך דער כלל נישט נאָר ווען איינער אַליין איז קעגען מערערע נאָר אפילו ווען עטליכע האַלטן אין איין מיינונג און זיי זענען אַ מיעוט אַ מינאָריטעט קעגען אַ רבים אַ מאיאָריטעט וואָס האַלטן אַנדערש, איז דאָך אויך די הלכה ווי די רבים, טאָ פאַרוואָס זאָגן חז״ל יחיד ורבים, אפילו ווען ער איז נישט אַ יחיד, זיי זענען עטליכע איז דאָך אויך הלכה כרבים, ממילא וואָלט באַדאַרפט שטיין מיעוט ורבים הלכה כרבים.

נאָר חז״ל האָבן אונז דאָ מרמז געווען אַ טיפען באַדייט, אַז נאָר דעמאָלט בלייבט די הלכה ווי די רבים, ווען השי״ת האַלט מיט זיי, ווען זייער באַשלוס איז אין די ראַמען פון הלכה, אויב אָבער רירן זיי זיך אַוועק, און פאַסן אַ באַשלוס וואָס איז פאַרבינדען מיט אַ איסור, סיי במזיד סיי בשוגג, בלייבט נישט די הלכה ווי דער רבים. און דאָס איז דער באַדייט ״יחיד״ ורבים, נאָר ווען דער איינציגער באַשעפער — יחידו של עולם — איז מיט דעם רבים, דעמאָלט הלכה כרבים.

אין זעלבן פסוק ווי די תורה שרייבט אחרי רבים להטות שרייבט די תורה ווייטער לא תהי׳ אחרי רבים לרעות. דער כלל פון אחרי רבים להטות עקזיסטירט נאָר ווען זייער מיינונג איז אין איינקלאַנג מיט די הלכה, אין איינקלאַנג מיט דעת תורה. אויב איז דאָס אַ דעת רבים לרעות, זיי באַשליסן אַ זאַך קעגען די תורה דעמאָלט זאָגט די תורה לא תהי׳ אחרי רבים לרעות. ווען זייער מיינונג איז נישט איינשטימיג מיט דעם אמת׳ן דעת תורה פון די חכמי ישראל, די פוסקים פון פריערדיגע דורות, איז נישט שייך אחרי רבים להטות.

רבינו הקדוש זי״ע שרייבט אַז דער אמת איז קלאָר אַז ווער עס פאַרטיפט זיך אין די מיינונג פון אַלע צדיקים גאונים און קדושים פון פריערדיגן דור וועגן די מדינה הציונית, זעט קלאָר אַז אַלע האָבן דערפאַר געציטערט ווי פאַר פייער ווייל ציוניזם און אַ מדינה איז אַ גאַר אַ האַרבער איסור, אַ איסור חמור ונורא פון מינות, און מינות איז נאָך האַרבער ווי עבודה זרה, אַזוי ווי עס שטייט אין די גמרא און אין רמב״ם און אין אַלע פוסקים. איז פשוט און קלאָר אַז פונקט אַזוי ווי ס׳איז נישט פאַרהאַנען קיין היתר צו ווערן אַ שותף מיט עובדי ע״ז ווי מיסיאָנערן א.ד.ג. אפילו כדי אויפצוטאָן און מאַכן פאַרשידענע תיקונים זיי אָפּצוהאַלטן זיי זאָלן נישט אַזוי ווייט אָנגיין מיט זייערע השמדות, דעסטוועגן וועט יעדער בר דעת פאַרשטיין אַז מען טאָר זיך מיט זיי נישט משתתף זיין. נאָך מער האַרבער איז זיך צו באַהעפטן צו די ציונים וואָס זייט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן איז נאָך נישט

געוועןן אַזאַ כת וואָס האָט אַזויפיל מסית ומדיח געוועןן, און אַזופיל מחרף ומנאץ געוועןן השי״ת, ווי זיי. איבערהויפּט נאָך ווער עס איז זיך מתבונן זעט אַז יעדע שותפות מיט זיי איז נישטאָ דערין קיין תיקונים נאָר קלקולים.

דאָס איז געוועןן דער קלאָרער דעת תורה פון אַלע ערליכע אידן אין אַלע דורות. ממילא איז קלאָר אַז דער פסק הלכה איז אַזוי, און אפילו דאָס גאַנצע דור זאָל זיך צוזאַמענעמען קען מען בשום אופן נישט ענדערן דעם קלאָרן דעת תורה פון די פריערדיגע דורות.

און ממילא די אַלע וועלכע האָבן אַ שייכות — אין וואָס פאַר אַן אופן ס׳זאָל זיין — צו די מדינה, וועלכע טוט מחרף ומגדף זיין דעם באַשעפער, די מדינה וואָס באַשטייט פון אָנהייב ביז סוף פון מינות, כפירה, און אויסרייסן אידישקייט, איז קיין שום קלער נישט אַז אין דעם פאַל איז נישטאָ דער כלל פון אחרי רבים להטות.

די אַלע זענען אוודאי נישט בעסער ווי שבנא און זיין גרופּע וועלכע זענען געוועןן מער און גרעסער אין תורה פון חזקי׳ מיט זיין גרופּע, און פונדעסטוועגן וויבאַלד זיי האָבן שלום געמאַכט מיט סנחריב, איז זייער מיינונג געוועןן אַ קשר רשעים, און איז אינגאַנצן נישט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט.

## דער שעדליכער איינפלוס פון די מידיאָ

אין אַ פלאַמפייערדיגע דרשה — ביים כינוס כללי פון יהדות החרדית אסרו חג שבועות תשכ״א — האָט דער רבי זי״ע געזאָגט אין די אָנוועזנהייט פון די גדולי הרבנים און ראשי הישיבות, אַז איינס פון די פּראָבלעמען וואָס האָט פאַרגרייזט דעם כלל ישראל אין דעם דור איז די שעדליכע השפעה פון די צייטונגען און ראַדיאָס, וועלכע פירן און שאַפן אַ דעת הקהל, דורך זייערע עקעלהאַפטע גיפטיגע אַרטיקלען וואָס דרינגען אַריין אין די האַרץ, און שווענקען אָפּ די מוחות.

און ווער זענען די צייטונג שרייבערס, אַ באַנדע געמיינע פאַרדאָרבענע מושחתים, פון נידעריגסטן עלעמענט, וואָס טוען זייער שמוציגע אַרבעט, פאַרשפרייטן מינות כפירה שונד אַרטיקלען, און זענען מחלל שבת פאַר גוט באַצאָלט, אָט די פאַסן דעם דעת הקהל, זיי אַרבעטן אויס די מיינונגען פון דעם ציבור לויט זייער געשמאַק. און אויב דער דעת הקהל איז אַזוי, שרעקן זיך די פירערס צו האַלטן אַנדערש און באַין ברירה גייען זיי נאָך נאָך די מידיאָ.

קומט אויס אַז די הנהגה די פירערשאַפט פון דעם דור איז איבערגעגעבן אין די

הענט פון דעם ערגסטן עלעמענט, נידערטרעכטיגע צייטונג שרייבער, זיי פירן פון אונטערוויילעכץ דעם גאַנצען דור.

ממילא היות ווי דעת הקהל ווערט פאַרמירט און געפאַסט דורך שרייבערלעך, זיי זענען די דיעה זאָגער אין אַלע ערנסטע סאַמע וויכטיגסטע ענינים אין לעבן פון כלל ישראל, און דאָס באַאיינפלוסט די מיינונג פון גאַנצען דור, איז נישט שייך צו נעמען אין באַטראַכט אַזעלכע סאָרט מיינונגען. דעת תורה איז נאָר אַ ריינע אומגעפעלשטע וועלכע איז נישט באַאיינפלוסט פון זייטיגע אינטערעסן, און אוודאי נישט וואָס שטאַמט פון צייטונג שרייבערס און זשורנאַליסטען. דאָס איז אַ וויכטיגע פונקט פאַרוואָס די וועלט איז שטאַרק פאַרגרייזט אפי׳ אין יסודות וואָס ביי יעדן ערליכן איד איז דאָס געווען פשוט און קלאָר.

## לימוד זכות און אהבת ישראל

עס איז פאַראַן אַ טייל פון די וואַקלדיגע, וועלכע גייען איין אויף פשרות און מאַכן אַ שותפות מיט די מינים ואפיקורסים, און ווען מ׳וואַרפט זיי פאָר היתכן? ווי קומט איר צו האָבן אַ קשר אַ שייכות מיט רשעים, פאַרוואָס טוט איר אייך נישט דערווייטערן פון פושעים, קומען זיי מיט אַ פרומע מינע און רוקען אַרויס אַ ענטפער אַז ס׳איז נישט פונקט אַזוי..., מען דאַרף נישט זיין אַזוי שאַרף, מען דאַרף מלמד זכות זיין אויף אידן... ישראל אעפ״י שחטא ישראל הוא, מ׳טאָר נישט פיינט האָבן קיין איד, ס׳טייטש אהבת ישראל. און זיי געבן צו מיט געמאַכטע תמימות, מ׳טאָר נישט רעדן קיין לשון הרע אויף קיינעם.

דער רבי זי״ע באַהאַנדעלט אין ספה״ק ויואל משה דעם ענין פון לימוד זכות און אהבת ישראל, און די פאַלשקייט און טעות פון די כלומר׳שטע מלמדי זכות, דער רבי זי״ע ווייזט אויף פון חז״ל און ספרים הקדושים אַז אויף רשעים גמורים מינים און אפיקורסים טאָר מען נישט מלמד זכות זיין, מען דאַרף זיי פיינט האָבן און אויפדעקן זייער רשעות.

אין די תורה הק׳ שטייט ביי אַ מסית ומדיח, איינער וואָס פירט אַראָפּ אידן פון דרך התורה און רעדט זיי אָן צו דינען עבודה זרה, לא תחמול ולא תכסה עליו, דרשנ׳ען חז״ל אַז כאָטש ביי אַנדערע בעלי עבירה וואָס ס׳קומט זיי מיתת בית דין זוכט מען זכותים, אָבער אויף אַ מסית ומדיח זוכט מען נישט קיין לימוד זכות.

דער רמב״ם ז״ל זאָגט אין פירוש המשניות (מס׳ סנהדרין פרק חלק): ״אַז לימוד זכות איז נאָר שייך צו אַ איד אַ שומר תורה ומצוות, אויף אַזאַ איינעם דאַרף מען זיך דערבאַרעמען אויב זעט מען ביי אים אַ זאַך וואָס קען אויסגעטייטשט ווערען

צום גוטען, אָדער פאַרקערט, דאַרף מען מלמד זכות זיין אויף אים, אַז זיין כוונה איז אוודאי געווען צו גוטען. אויב אָבער דער מענטש גלייבט נישט, אָדער האָט נאָר אַ צווייפל אין איינעם פון די דרייצן אני מאמינ׳ס וואָס זענען דער יסוד פון אונזער אמונה, איז ער אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל״. און נאָכמער אויב דער מענטש איז אַ אפיקורס וואָס פירט אַראָפּ אידישע קינדער, אַ מענטש וואָס רעדט אָפנעע כפירה און עס איז נישט פאַראַן קיין צווייפעל אין זיין כוונה, ער איז אַ אָפנעער רשע, דעמאָלט איז נישט שייך קיין לימוד זכות, עס איז נישט קיין אהבת ישראל.

אויף די מענטשן זאָגט דוד המלך ע״ה אין תהלים ״הלא משנאיך ה׳ אשנא ובתקוממיך אתקוטט תכלית שנאה שנאתים לאויבים היו לי״, רבש״ע די וועלכע האָבן דיך פיינט וועל איך פיינט האָבן, מיט די וואָס קריגען אויף דיר וועל איך מיך צעקריגען, איך האָב זיי פיינט די טיפסטע און שטאַרקסטע שנאה, זיי זענען געוואָרן מיינע שונאים.

דער רמב״ם שרייבט אַז אין די צייטן פון רבן גמליאל האָבן זיך פאַרמערט די אפיקורסים צווישן אידן, און זיי האָבן מסית ומדיח געווען אַנדערע אַוועק צו קערן פון די ריכטיגע אמונה, האָט דאָס רבן גמליאל געזען פאַר די וויכטיגסטע זאַך מער פון אַלע געברויכן, און ער האָט מתקן געווען אַ ברכה אין די שמונה עשרה מיט אַ תפלה מאבד צו זיין די אפיקורסים.

עס איז קלאָר אָן קיין צווייפעל אַז אַ געטרייער קנעכט פון דעם קעניג וועט קיינמאָל נישט פראָבירן צו פאַרטיידיגן די בלוטיגע שונאים פון דעם קעניג, דאָס איז אַ פאַרראַט, אַ בגידה אין דעם קעניג.

טאָ די מינים ואפיקורסים וואָס האָבן אָפּגעריסן אַזויפיל אידן פון די ריינע אמונה, און זענען מטמא גאַנץ א״י מיט זייערע אומווירדיקייטן, זיי פאַרטרייבן די שכינה הקדושה פון איר פּאַלאַץ, ווי קען אַ איד וואָס איז געטריי צום מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא אַרויסווייזן סימפּאַטיע צו די פושעים, דאָס איז דאָך דער גרעסטער פאַרראַט.

דער רבי זי״ע פירט אויס: פונקט ווי מיר זענען מחויב זיך צו דערווייטערן פון מינים ואפיקורסים, איז פאַראַן אַ חיוב צו טאָן אַלעס אַז עס זאָל זיין ליבשאַפט אחדות און אהבת ישראל צווישען ערליכע אידן. דאָס איז די וויכטיגסטע זאַך צוזאַם צוהאַלטן די מויערן פון תורה און אידישקייט אַז עס זאָל הערשן אחדות צווישען ערליכע אידן. און מיט פאַראייניגטע כוחות זאָלן זיי אַרבעטן צו הויבן כבוד שמים, און צו דערהייבן דעם קרן התורה.

## די אויסטערלישע הצלחה פון ציוניזם — אַ שווערער נסיון

די פינסטערע הצלחה פון ציוניזאם, זייער שטאַרקע מאַכט, דאָס מאָדערנע מיליטער, און די נצחונות אין די מלחמות מיט די אַראַבער, האָבן געברענגט אין גרויס פאַרלעגענהייט פילע פון די פרומע אידן, וועלכע זענען איבערראשט געוואָרן פון די הצלחה, און האָבן נישט גענוג קוראַזש און אייגענע כוחות הנפש נישט באַאיינפלוסט צו ווערן פון דעם מציאות.

די צייטווייליגע הצלחות פון ציוניזם, איז איינס פון די שווערסטע נסיונות וואָס פלאָגן ערליכע אידן אין אונזער דור. דאָס איז פון אַלעמאָל געווען אַ תחבולה וואָס דער שטן האָט באַנוצט אַריינצונאַרן מענטשן מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, זיי צושטעלען פאַר אַ געשעענעם פאַקט, אַז די רשעים די עוברי עבירה זענען מצליח, זיי לעבן גליקליך, און האָבן הצלחה אין זייערע עבירות, הצלחות וואָס קוקען אויס אומנאַטירלעך. דוד המלך זאָגט אין תהלים (קאַפיטל צ״ב) ״איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת״, אַ נאַרישער מענטש ווייסט נישט און פאַרשטייט נישט, ״בפרוח רשעים כמו עשב ויציצו כל פועלי און״. ער קוקט צו ווי די רשעים בליען און וואַקסן פונקט ווי גראָז וואָס שפּראָצט שנעל און גיך, זיי וואונדערן זיך און האָבן פילע קשיות דערויף, און פילע פאַרלירן די אמונה און זאָגן ח״ו אַז עס איז נישט פאַראַן קיין השגחה פרטית, זיי ווייסען אָבער נישט אַז זייער שנעלער וואוקס איז כדי ״להשמדם עדי עד״, די רשעים זאָלן פאַרטיליגט ווערן אויף אייביג. דערפאַר גייט זיי גוט כדי מען זאָל זיי אָפּצאָלן אויף דער וועלט, און באַשטראָפן אויף יענע וועלט.

דער שווערער נסיון האָט פאַרנאַרט פילע פון כלל ישראל וואָס האָבן מקבל געווען פון די צדיקים אין פריערדיגן דור דעם אמת׳ן דעת תורה, אַז ציוניזם איז אַ איסור נורא, און זענען געווען קעגנערס קעגען דעם רעיון, אָבער וויבאַלד די מדינה איז געוואָרן אַ פאַקט, זיי האָבן געזען די אויסטערלישע הצלחה פון די ציוניסטן, די מיליטערישע נצחונות, די נייע געבויעטע שטעט וכו׳, האָבן זיי געענדערט די מיינונג, און זייער געדאַנקן גאַנג האָט זיך געביטן, זאָגענדיג מען קען נישט קעמפן קעגען אַ פאַקט. ״מדינה שאני״, הייינט איז אַנדערש.

איבערהויפּט ווען די ציונים האָבן מצליח געווען איינצונעמען די אַלטע שטאָט ״ירושלים״, דעם כותל וכו׳, און דאָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ געזאַנג פון ניסים ונפלאות, עס זענען געוועבט געוואָרן מופתים וכו׳, דאָס האָט אינגאַנצען צעטומעלט אומוויסענדע.

דער רבי זי״ע איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגען די ניסים מאַכערס, און האָט

אויפגעוויזען אין דעם קונטרס על הגאולה ועל התמורה ווי פאַלש און ווי נאַריש די רעיונות זענען. און אַז דאָס איז אַ גרויסער אומגליק פאַר כלל ישראל.

ווען די וועלט איז געווען פאַר'שיכור'ט אין די נצחונות און ניסים, האָט דער רבי זי"ע נישט גערוהט זיין הייליג האַרץ האָט געטראָפּט בלוט. שוין אין די ערשטע טעג ווען די גאַנצע וועלט איז נאָך געווען פאַר'כישופ'ט פון זייערע געלונגענע אַקציעס, האָט דער רבי זי"ע אויפגעוויזן ווי ווייט איבעריג און צוועקלאָז די גאַנצע מלחמה איז, און ווי פאַלש און פאַרפירעריש עס זענען די אַלע באַריכטן וועגן נסים און נפלאות. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז זיי אַליין האָבן דערציילט דאָס זעלביגע. דעמאָלט האָט מען געזען ווי ווייט רביה"ק האָט געזען בחכמת אלקים אשר בקרבו.

מיר וועלען ציטירן די הייליגע ווערטער פון עהגועה"ת סי' פ"ו וועגן דעם שווערן נסיון. דער רבי זי"ע שרייבט:

"די צדיקים און קדושים אין די פריערדיגע דורות האָבן געזען מיט רוח הקודש אַז עס ערוואַרטן אונז אין דעם דור פון עיקבתא דמשיחא גאָר שווערע נסיונות, און זיי האָבן געוואָרענט מען זאָל זיך האַלטן ביי די אמונה און נישט באַאיינפלוסט ווערן.

"איך האָב געהערט פון אַ תלמיד חכם מפורסם און באַגלייבטער מענטש, וועלכער האָט געהערט אַסאַך מאָל פון זיין פאָטער, און זיין פאָטער האָט דאָס געהערט פון זיין שווער, וועלכער איז געווען אַ ריזשינער חסיד, און איז געווען אָפט ביים הייליגן רבי ר' ישראל זי"ע אַ צייט פון צוואָנציג יאָר. און האָט געהערט פון ריזשינער זי"ע די פאָלגענדע דיבורים: "איר זאָלט וויסן אַז אַזוי ווי עס איז געווען ביי אליהו הנביא אויפן הר הכרמל אַז ס'איז אַראָפּגעקומען פאַר אים פייער פון הימעל, און פאַר די נביאים פון די עבודה זרה (נביאי הבעל) איז נישט אַראָפּגעקומען פייער פון הימעל. אַזוי וועט זיין אין די צייט פון עקבתא דמשיחא פונקט דאָס פאַרקערטע. עס וועט אַראָפּקומען פייער פון הימעל פאַר די נביאי הבעל, און עס וועלען זיין ביטער שווערע און שטאַרקע נסיונות. און איך וואָרען אייך דערויף, כדי איר זאָלט וויסען אַכטונג צו געבן און פאַרזיכטיג זיין".

דער רבי זי"ע ציטירט פון די הייליגע ווערטער פון הגה"ק ר' נחמן ברעסלאַווער זי"ע (אין ספר שיחות הר"ן) "עס האַלט ביים אַראָפּקומען אַ גרויסע אפיקורסות בעוה"ר אויף די וועלט. וואויל איז צו דעם וואָס וועט זיך דערהאַלטן ביי די אמונה אין די צייטן". און ר"נ ברעסלאַווער האָט צוגעזאָגט: "איך ווייס אַז עס וועט נישט נוצען דאָס וואָס איך זאָג אייך פון פאָראויס וויאַזוי עס וועט אויסזען, ווייל פונדעסטוועגן וועט זיך שטאַרקען דאָס אפיקורסות און בלבול המוחות, ווייל דניאל און אַנדערע נביאים האָבן שוין געוואָרענט אַז פאַר ביאת המשיח וועלען זיין גרויסע נסיונות און פילע וועלען אַוועקפאַלען, וואָלט דאָך יעדער געדאַרפט רחמנות האָבן אויף זיך, זיך צו האַלטן פעסט ביי די אמונה, ווייל די נביאים האָבן פאָראויסגעזאָגט און געוואָרענט דערויף, און באמת וועט אַלץ זיין אַ גרויסער נסיון און פילע וועלען אַדורכפאַלען.

"איך דערצייל דאָס צוליב די געציילטע ערליכע וואָס וועלען זיך דערהאַלטן ביי די אמונה, און זיי וועלען געווים האָבען שווערע אינערליכע קאַמפן אין זייער האַרץ, פאַר זיי וועט דאָס זיין אַ גרויסער חיזוק און דערקוויקונג ווען זיי וועלען וויסן אַז מ'האָט שוין גערעדט דערפון אין פריערדיגע צייטן" עכדבה"ק.

און נאָך שרייבט ער (אין שיחות הר"ן סי' ר"כ): "אַז עס וועט זיין אַ גרוים אפיקורסות אויף די וועלט, ווייל עס וועט פון הימעל אַראָפּקומען אפיקורסות כדי אויסצופּראָבירן". און ר"נ ברעסלאַווער זי"ע האָט שטאַרק געזיפעצט "ווי אַזוי וועלען וויינינג מענטשן קענען שטיין אַקעגען די גאַנצע וועלט", עכדה"ק פון די הייליגע רייד פון ר"נ ברעסלאַווער זי"ע. און דער רבי זי"ע שרייבט ווייטער, עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דער נסיון פון אפיקורסות קומט נישט פון באַשעפער ווייל פון השי"ת קומט נישט קיין שלעכטס ח"ו, נאָר דער נסיון שטאַמט פונעם ס"מ וואָס באַקומט דעם כח פון הימעל. און די אַלע נסיונות האָבן די צדיקים פאָראויס געזען מיט רוח הקודש.

"בעוונותינו הרבים זענען אין אונזער שפל'דיג דור פאַרווירקליכט געוואָרן אַלע זייערע רייד פולשטענדיג, און עס פעלט גאָרנישט דערפון. ממילא איז דאָס נישט קיין נייעס און נישט קיין וואונדער, מען האָט אונז שוין פון פאָראויס

אָנגעזאָגט אַז אַזוי וועט מיט אונז פּאַסירן. ממילא זאָל יעדער איד — וואָס גלייבט אין די הייליגע תורה און אין די נבואה פון משה רבינו און אַלע אמת'ע נביאים — זיך שטאַרקען אין זייערע הייליגע דיבורים, און ער זאָל נישט נתפעל ווערען און נישט געריר ט ווערען פון די וואונדער וואָס געשען פאַר רשעים, און פון זייער הצלחה".

דער רבי זי"ע שרייבט: "איך האָב שוין געוואָרענט מיט יאָרן צוריק (אין יו"ט שבועות תשי"ז) אַז איך פאָרכט מיך טאָמער וועלען נאָך געטאָן ווערען דורכן ס"מ גרויסע נסים אפילו אַזוי ווי דער נס אַז די זין וועט זיך אָפּשטעלען פון גאַנג (אַזוי ווי ביי יהושע בן נון) איך האָף אָבער אַז עס וועט נישט קומען דערצו. השי"ת וועט נישט פּרואווען כלל ישראל מיט אַזעלכע שווערע נסיונות. אָבער מיר מוזן זיין גרייט אויך אויף אַזעלכעס, ווייל עס קען פּאַסירן אַזוינס דורכן כח פון די סטרא אחרא. אַזוי ווי חז"ל זאָגן אין מסכת עבודה זרה אַז מען גיט כח פון הימעל פאַרן סטרא אחרא צו באַווייזן נסים כדי אויסצופּרואווען אידן.

"מען דאַרף וויסן קלאָר אַז נסים וואָס פּאַסירן פאַר רשעים שטאַמען פונם ס"מ, און זיי קומען נאָר אַלס נסיון. און אַז מיר וועלען קלאָר זיין אין דעם און מיר וועלען זיין צוגעגרייט צו אַזאַ פאַל, וועלען מיר נישט נתפעל ווערן און נישט באַאיינדרוקט ווערן פון אַלע זייערע נסים, סיי אין וועלכען פאָרעם עס זאָל זיין. דאָס איז אַ גרויסער חסד פון באַשעפער אַז מיר זענען נישט געפּרואווט געוואָרן מיט אַזעלכע שווערע נסיונות, ביז דערווייל זענען נאָך נישט געשען אָפענע נסים. אַלע פּראָפּאַגאַנדעס און מעשיות פון זייערע ניסים זענען הויל בלאָף דמיון, און אויגען פאַרבלענדעניש. פאַרן שטן איז גענוג אַז די דתיים (פרומע) די נאָכשלעפּערס פון די ציונים האָבן דערפאַר אַ נאָמען געגעבן נסים, און אויך דאָס איז גענוג צו פאַראורזאַכן אויגען פאַרבלענדעניש אין אונזער שוואַך דור.

"איך שטיי און ציטער נאָך אַלץ ווער ווייסט מה יולד יום. איך האָף אַז עס וועט דאָך נישט קומען דערצו, מען וועט אונז נישט פּראָבירן פון הימעל מיט אַזעלכע ביטערע שווערע נסיונות, ווייל דער דור איז גאָר שוואַך און נידעריג בעוונותינו הרבים, און מיר האָבן נישט קיין כח צו קעמפן אַ קעגען זיי.

"אָבער פונדעסטוועגען דער מענטש קען קיינמאָל נישט וויסען וואָס פאַר אַ נסיונות עס ערוואַרטען אונז אין דור עיקבתא דמשיחא, די זאַך איז באַהאַלטען און פאַרהוילען פון אונז. און מיר פאַרמאָגן נישט קיין כח צו אַלאַרמירן איבער יעדען נסיון עקסטער, און אַראָפּשרייבן פונקטליך אין אַ ספר יעדען סאָרט נסיון וואָס קען קומען, און קלאַפּען אויף די הערצער מען זאָל נישט בלאָנדזשען נאָך די פאַלשע נסים.

"עס קען מעגליך זיין אַז אין דעם חיבור (עהגועה"ת) האָבן מיר נישט אַרויסגעשריבן אַלע איינציילהייטן פון דעם יעצטיגן נסיון. און פילע ענינים, און הסברים האָבן מיר נישט אָפּגעשריבן.

"אָבער וויפיל מיר האָבן געשריבן איז אויך גענוג פאַר אַ מבין צו פאַרשטיין דאָס ענין.

"און מיר שרייבן דאָ אַ אַלגעמיינע וואָרנונג: דער מענטש זאָל וויסען נישט נתפעל צו ווערן און נישט גערירט צו ווערן פון קיין שום נסים, קיין שום אותות ומופתים, און קיין שום הצלחה פון די רשעים און זייער גלייכן. ווייל אַלעס איז נסיונות פון סטרא אחרא.

"דעם כלל זאָלסטו אייביג האַלטן, און דאָס איינקריצען אין דיין האַרץ אויף אייביג און זאָלט איינפלאַנצען די אמונה אין האַרץ פון דיינע זון און טעכטער, אַז דער "דור אחרון" זאָל וויסען אַז ס'איז פאַראַן אַ מציאות פון אַזעלכע נסיונות וואָס ערוואַרטן אונזער דור שפל.

"השי"ת זאָל זאָגן צו אונזערע צרות גענוג, און זאָל באַלייכטן אונזערע אויגן פון דעם שרעקליכן פינסטער און צו איילען די גאולה שלימה און במהרה זאָלן מיר הערן קול מבשר בב"א".

ביז דאָ האָבן מיר ציטירט וואָרט ביי וואָרט (מיט אַ ווערטערליכע איבערזעצונג) פון קו' על הגאולה ועל התמורה סי' פ"ו.

אין די הקדמה פון הייליגן ספר ויואל משה שרייבט רבינו הקוה״ט זי״ע וועגן די פליכט ארויסצוראטעווען אידן פון די נעץ פון ציוניזם — מיר ציטירן עטליכע זאצן וזה לשונו הק׳!

אין אונזער נידעריג דור, דער דור פון עיקבתא דמשיחא האבן מיר נישט גענוג אריינגעטראכט און געגומען צום הארץ, אז אלע צרות און יסורים וואס האבן אונז נאכגעיאגט זענען צוליב די ציוניסטן.

מען דארף תשובה טאן צו השי״ת און אנטלויפן פון זיי און זייערע נאכשלעפערס נאכמער פון איינעם וואס לויפט אוועק פון א לייב וואס יאגט אים נאך אים צו פארצוקען.

און ווי ווייט מעגליך עס איז צוטאן ארויסצוראטעווען אפילו א איינציג אידיש נפש פון זייער חבורה איז דאס גאר א טייערע זאך, און ס׳איז אוממעגליך צו שאצן די ווערט פון ראטעווען א איד פון פארצוקט צו ווערן צווישען זיי.

די רשעים טוען איבערדרייען דברי אלקים חיים און לייגן ארויף די שולד פון אלע צרות אויף די וואס פירן זיך לויט די תורה הק׳. דאס איז אבער נישט קיין נייע זאך אזוי האבן זיך געפירט די אפיקורסים פון אלע מאל. עס שטייט אין ספר ירמי׳ קאפיטל מ״ד אז די פארשאלטענע פרויען וועלכע האבן געדינט עבודה זרה צו די שטערנס פון הימל האבן געזאגט זינט מיר האבן אויפגעהערט צו דינען די עבודה זרה, האבן מיר נישט קיין הצלחה, מיר פארמאגען גארנישט, און מיר גייען אויס אין הונגער און אין מלחמה. און די געצענדינערינס האבן ארויפגעלייגט די שולד פון אלע צרות אויף די נביאי ה׳ וועלכע האבן געווארענט נישט צו דינען עבודה זרה. אבער ירמי׳ הנביא האט געשריגן געוואלד! אז די עבירות זענען גורם אלע צרות, און שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן אז די רייד פון די אמת׳ע נביאים זענען ריכטיג.

אין אונזער צייט, ווער ס׳האט אביסל פארשטאנד קען איינזען דעם אמת, אז נאר די זינד פון די וואס האבן פארפירט אידן מיט דעם טמא׳נעם געדאנק פון ציוניזם, און אלע פעולות וואס זענען אנגעווענדעט געווארן צו פארווירקליכן דעם טמא׳נעם רעיון, נאר זיי האבן צוגעברענגט אלע צרות און אומגליקן אויף אידן.

דער נועם אלימלך שרייבט (אין אגרת הקדש) ווען אברהם אבינו איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל און ס׳איז געווארן א הונגער אין ארץ ישראל האבן געזאגט די איינוואוינער פון א״י, אויף אברהם אבינו, ווייל דער אפיקורס האט זיך באזעצט צווישן אונז זענען מיר געשטראפט געווארן מיט דעם הונגער, און דערפאר איז אברהם אע״ה געגאנגען קיין מצרים כדי אפצושטילן די זאך אז דער געדאנק זאל זיך נישט פארשפרייטן צווישן זיי. (זעען מיר אז דאס איז דער וועג פון די רשעים אין אלע צייטן אז אויף אברהם אבינו האט מען אויך אנגעלייגט אז ער איז שולדיג אין אלע צרות).

איבערהויפט אין דעם דור וואס חז״ל זאגן יראי חטא ימאסו, אז ערליכע אידן וועלן זיין פארמיאוס׳ט, און פארפיינטעט. עס איז איבעריג ארויסצוברענגן דעם גרויסן שקר פון די עזות און חוצפה וואס ליגט אין אזא געדאנק. אבער דער וואס גלייבט אין השי״ת און זיין הייליגע תורה ווייסט דעם אמת.

פייערדיגע פינקען רייד פון **הגה"ק רבי יעקב עמדין זצלה"ה דער יעב"ץ** וואס רבינו הקדוש ברענגט אין סוף קו' על הגאולה און שרייבט דערויף אז מיט זיין חכמה האט ער פאראויס געזען וואס עס וועט פאסירן אין אונזער דור.

## א. מ'זאל זיך נישט שרעקן פון נסים

דיין הארץ זאל זיך נישט שרעקן ווען דו וועסט זען פילע אומפארשטענדליכע וואונדערליכע זאכן וועלכע קוקן אויס ווי נסים וואס ווערן געטאן דורך אפיקורסים. זאלסט דיך גארנישט פארכטן דערפון, דיין אמונה זאל דערפון נישט שוואכער ווערן, אפילו אויב דיר איז קלאר אז דאס איז נישט כישוף נאר ס'איז עכטע נסים. זאל דאס נישט בארירן דיין הארץ, אין דיך נישט רירן פון דרך התורה, און פון דיין אמת'ע אמונה, וואס דו ביזט געבונדן דערצו מיט אומרייסבארע שטריקן, און ביזט פארפעסטיגט געווארן אין די אמונה דורכגייענדיג פייער אין וואסער און צרות.

## ב. דאס איז נאר א נסיון פון הימל

**אפילו אויב א נביא וועט אפשטעלן דעם גאנג פון די זון** אזוי ווי ס'האט געטאן יהושע בן נון, זאלסטו אים נישט הערן צודינען עבודה זרה, אדער צו בארירן אפילו איין אות פון די תורה. זאלסט וויסן דאס איז נאר א הצלחה פון שטן וואס פון הימל העלפט מען אים. כדי צו אויסצופראבירן די ערליכע צו זיי וועלןביישטיין דעם נסיון.

## ג. ווען ס'האנדעלט זיך אין חילול השם טאר מען נישט שווייגן

זאלסט דיך נישט שרעקן נישט פון איינעם וואס ווייזט נסים, נישט פון בעל מופת, נישט פון א מלאך אדער א מלך. דארט ווי עס האנדעלט זיך וועגן כבוד שמים. די תוה"ק האט שוין געווארענט ביים נביא שקר, דו זאלסט זיך נישט שרעקן פון אים.

אויך זאל א איד נישט אפגעבן כבוד פאר א גרעסערן און שטארקערן פון אים דארט ווי יענער איז גורם חילול השם. אויך ווען ס'האנדעלט זיך אין ראטעווען א איד פון טאן אן עבירה, זאל מען זיך נישט פארמיידן דערפון צוליב דעם כבוד פונ'ם רבי'ן.

זאלסט דיך נישט שרעקן פון די וואס שפעטן אין בארעדן די הייליגע צדיקים די מלאכי אלקים, ווייל דער סוף וועט זיין אז זיי וועלן אויסגעריסן ווערן און ס'וועט נישט פארבלייבן קיין זכר פון זיי, און סוף כל סוף וועט דער אמת זיגען. און אודאי זאל מען נישט מורא האבן און שווייגן ווי ס'איז א גרויסער חילול השם

## ד. מ'דארף זיך היטן ווי פון פייער פון די שעדליכע ספרים פון מסיתים

די מסיתים און די מדיחים וואס פארנארן די קליינקעפיגע מענטשן מיט דרשות פון מוסר און תוכחה און פארביצירטע רמזים איינגעהילט אין קבלה און רמזים, טאר מען זיי גארנישט צוהערן קיין גוטס און קיין שלעכטס, אלע זייערע

ביכער און שריפטן דארף מען פארברענען צוזאם מיט די שמות פון באשעפער. און אודאי טאר מען נישט אריינקוקען אין זייערע ביכער ווייל עס ליגט דערין געפערליכע גיפט און מ'קען אריינגעכאפט ווערן אין זייער נעץ.

## ו. איך פארכט מיך אז ס'וועט אויפשטיין א פרישע פאלשע באוועגונג

איך בין באזארגט אז ס'דערנענטערן זיך די טעג וואס דניאל האט געזען אין זיין נבואה, אז בני פריצי עמך ינשאו להעמיד חזון ונכשלו, די רשעים פון אידן וועלן זיך גרויסן אויפצושטעלן חלומות און פאלשע נבואות, און זיי וועלן דורכפאלן. און טראצדעם וואס עס איז טאקע שוין אזוי געווען אז די זענען פארלענדעט געווארן און אוועק אין רויך, אבער ליידער די שלעכטע ווארצלען זענען נאך פאראן, און אין די פינסטערניש טראכטן זיי אויס טאג און נאכט שלעכטס אויפן אידישן פאלק!! זיי ווילען איבערפירן די מלכות צו אפיקורסות.

דערפאר טו איך דיך ווארענען היינט, (מיין זון) די זאלסט זיין פון די קלוגע וואס וועלן זיך האלטן און נישט אוועקרירן, און נישט פארטוישן זייער כבוד מיט פאלשע נבואות ווייל ס'איז שוין נאנט די ישועה פון באשעפער און **דארט ווי קיינער האלט נישט מיט דיר, זאלסטו זען צו ווערן א העלד!** א גבור חיל! זאלסט נישט מורא האבן! זאלסט נישט פארשלאפן! דאס וואס דו טוסט פארן באשעפער וועסטו האבן הצלחה, און וועסט צעשמעטערן די רשעים, און מיטן באשעפערס הילף וועלן זיי אונטערגיין. אויב העלפט דיר קיינער נישט צו, איז אודאי דיין שכר פילפאכיג טאפעלט.

ע"כ דבריו הקדושים של מרן היעב"ץ זי"ע בספרו מגדול עוז, הובא בסוף ספה"ק על הגאולה ועל התמורה.

# דף השאלות

מיר האבען בייגעלייגט דעם בויגען מיט שאלות לויטען סדר פונעם קונטרס צו געבן די מעגלעכקייט פאר עלטערן איבערצוגיין מיט זייערע קינדער אין קורצען דעם אינהאלט פונעם קונטרס, און אויסצופראבירען ווי ווייט עס גרייכען זייערע ידיעות אין די דברים העומדים ברומו של עולם.

א) וואס איז דער הייליגער ספר ויואל משה א ספר מוסר אדער הלכה למעשה — וואס מיינט הלכה למעשה — זיי מעתיק דאס לשון פון רבינו הקוה"ט זי"ע אויפ'ן שער בלאט פון ספר ויואל משה.

ב) ווער וועט אויסלייזן די יודען פונעם גלות — וואס איז טייטש ואע"פ שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא, ווי שטייט דאס.

ג) אין וואס ווענדעט זיך ביאת המשיח און פארוואס פארזוימט זיך די גאולה שלימה.

ד) מעגן זיך יודען אליין באפרייען פון גלות און מאכן א אייגענע מלוכה — פארוואס נישט.

ה) וואס מעג און דארף א איד טוען צו דערנענטערן די גאולה שלימה.

וואס איז טייטש שלש שבועות — וועלכע זענען זיי.

ז) פארוואס איז דאס נעמען אליין א לאנד אין קעגנזאץ מיט די י"ג עיקרים.

ח) שרייב עטליכע ביישפילען פון גרופעס, יחידים, וואס האבן פראבירט צוציאיילן די גאולה פאר די ריכטיגע צייט און זענען אדורכגעפאלן און געבראנגט ביטערע צרות אויף כלל ישראל.

ט) וואס האט זיך אויסגעלאזט מיט דעם משיח שקר שבתי צבי שר"י.

י) ווער האט געשריבן א ווארענונג קיין תימן דאס מען זאל זיך דערווייטערן פון זייער משיח שקר.

יא) ווען משה רבינו און אהרן הכהן זענען געקומען קיין מצרים און נאמען פון השי"ת און האבן געוויזען וואונדער האט מען זיי גראד געגלייבט אבער נישט — ווען האבן זיי געפרעגט — וואס האט זי געענטפערט — וואס דען איז געווען דער באוויז אז זיי זענען די ריכטיגע שליחים פון השי"ת.

יב) וואס האט מען אנגעפרעגט אין הימל אין די צייטן פון גלות שפאניא — וואס האט געבראנגט דערצו אז מען זאל פרעגן די שאלה — וואס איז געווען דער ענטפער.

יג) דער חילוק פון די כת ש"ץ און דער אופן וויאזוי זיי האבן פארפירט אידען, און די היינטיגע כת הציונות און דער וועג וויאזוי זיי פארפירן אידען נאך די פאלשע גאולה.

יד) ווער איז געווען דער גרינדער פונעם ציונות — וואס איז ער געווען.

טו) וואס איז געווען דער ארגינאלער פלאן פונעם עוכר ישראל דער גרינדער פון ציוניסטישער באוועגונג שר"י.

טז) ציטיר פון זיינע מעמוארן ווי אזוי דער כופר בעיקר האט פארגעצייכענט דעם איבערגאנג פון אידישן פאלק צום קרוסטענטים ה' ישמרנו.

יז) וואס האט אים באוואיגען צוענדערן זיין פלאן.

יח) וואס איז געווען דער ציל פון אויפהעצען די גויאישע באפעלקערונג קעגן אידען, ווער האט אויפגעפלאקערט אנטיסעמאטיזם אין אייראפע.

יט) וואס מיינט דאס א פאגראם — פארוואס האבן די ציוניסטן זיך געפרייט ווען עס זענען דורכגעפירט געווארן פאגראמען אקעגן אידן.

כ) וואס האבן די ציוניסטן געטאן פאר דעם שליח פון אונגארן וואס האט פארהאנדעלט איבער ראטעווען אונגארישע אידען פון די קאלך אויוועניס — איבער וויפיל אידען האט מען דעמאלט געהאנדלט אינעם רעטונגס פלאן.

כא) וואס באדייט דער ציוניסטישער ערקלערונג רק בדמנו תהי' לנו הארץ!

כב) וואס איז דער אינהאלט פון ספר מן המיצר — ווער איז דער מחבר.

כג) פארוואס האבן די פירער פון ציוניזם זיך געגוויטיגט אין רבנים.

כד) וואס האבן די גדולי ישראל פון פריערדיגן דור געווארענט וועגן ציוניזם.

כה) וואס איז דער הויפט ציל פון ציוניזם — פארוואס ברויכן זיי א מדינה.

כו) א ציוניסט וואס זעט אויס ווי א פרומער דארף מען זיך דערווייטערן פון אים צי נישט.

כז) ווער איז מער שעדליך איינער וואס מען דערקענט אים אז ער איז אן אפיקורס, אדער אן אפיקורס וואס זעט אויס ווי א ערליכער איד — פארוואס.

כח) וואס באדייט א קיבוץ — וואס פאר א חינוך גיט מען דארט.

כט) וואס באדייט רבנות הראשית — ווער האט דאס געגרינדעט — פארלאזן זיך ערליכע אידען אויף זיי — וואס האבען ערליכע אידען אין ירושלים געטאן אין טאג פון זייער גרינדונג — וואס איז דער גרויסער געפאר פון די רבנות הראשית.

ל) וואס מיינט אגודה — איז די היינטיגע אגודה די זעלבע ווי די אמאליגע — וואס איז דער אונטערשייד.

לא) וואס איז געווען די מיינונג פון רוב גדולי ישראל איבער די געוועזענע אגודה (ויוא״מ עמוק קמ״ה).

לב) פארוואס האבן די גדולי ישראל געקעמפט אקעגען די אלטע אגודה.

לג) ווען האט די אגודה זיך געטוישט — האט דער פירער פון די אגודה אויך אונטער געשריבן דעם דעקלארעשאן אוו אינדעפענדענס.

לד) וויאזוי האבן די ציוניסטען אויפגעהעצט דעם ביטערן מערדער פון דייטשלאנד שר״י גוזר צו זיין להשמיד ולהרוג ולאבד ר״ל.

לה) פארוואס האבן זיי צושטערט די הצלה פלענער — שרייב זייער שפרייך ווארט.

לו) וואס איז טייטש אני מתיר את בשרכם — אויף וועלכע עבירה איז דאס א עונש — ווען איז דאס ליידער מקויים געווארן וועגן וועלכע עבירה.

לז) וואס איז געשען אין דעם יום המר והנמהר (דעם ביטערן טאג) ה׳ אייר — וואס וואלט מען געדארפט טאן אין דעם טאג.

לח) פארוואס וועגט די הארבע פירצה פון ציוניזם איבער אלע אנדערע פירצות פון דעם דור (זעה עמוד ג׳).

לט) ווער האט דאס רעכט צו באשליסען איבער'ן כלל ישראל צו מען זאל ארויסגיין אין א מלחמה — אויב מען גייט ארויס אין א מלחמה דורך די אייגענע באשטעטיגונג וואס איז מען — שרייב דעם וואונדער אויף פרומע אידען וואס שטיצען די מלחמות פון די ציונים — פארוואס — זענען די ציונים רוצחים.

מ) וואס איז דאס כנסת המינים — זענען פאראן אויך פרומע כנסת מעמבער'ס? וואס שווערט יעדער מעמבער פון די כנסת — אויף וואס טראגן די פרומע שותפים די פאראנטווארטליכקייט.

מא) וואס איז טייטש בחירות — פארוואס טאר מען נישט גיין צו די ציוניסטישע וואהלן.

מב) שרייב די ראי' פון א בריוו פון אלטן גערער רבי'ן זלה"ה (פון די פריערדיגע אגודה) אז די היינטיגע אגודה איז פסול און זייער שעדליך אפילו לשיטתו.

מג) רעכען אויס א טייל פון די הארבע איסורים וואס דער וואס גייט צו די בחירות האט א חלק אין זיי.

מד) ציטיר די הייליגע ווערטער פון רבינו הקדוש ווי ער בעט זיך צו אידען זיי זאלען נישט גיין צו די בחירות.

מה) דער איסור איבער צו טרעטן די שוועל פון כנסת המינים.

מו) די פשרה צווישן די אגודה און די פרייע ציונים ארום די מחלוקת צי מען זאל דערמאנען דעם נאמען פון באשעפער אויף די דעקלארעשאן אוו אינדעפענדעס — פארוואס האבן די פרייע מסכים געווען צי דער פשרה.

מז) אויסערדעם וואס די ציונים האבען ר"ל ערקלערט קריג אקעגן די גאנצע תורה הק', רעכן אויס כאטש א טייל פון די גזירות רעות וואס די מלכות המינות און א"י האט גוזר געווען.

מח) אויב וואלטן די ציונים גענומען אויף זיך באמת צו היטן די מצוות התורה ווי שמירת שבת א.ד.ג. וואלטן זיי יא געמעגט האבן א אייגענע מדינה צו זיין — פארוואס נישט.

מט) וואס האבן די ציונים געטאן מיט די הונדערטער טויזענטער אידען ווען זיי האבן ארויף געפירט קיין ארץ ישראל.

נ) שרייב און קורצן דעם ציל פון די מחאות פראטעסטן פון יהדות החרדית אין חו"ל, און דער גרויסער קידוש השם וואס קומט ארויס דערפון.

נא) ווען איז וואוינען אין ארץ ישראל א חשוב'ע זאך און ווען איז דאס גאר אן עבירה.

נב) ווען מען קען ארץ ישראל נישט ליידען — ווי אהין גייט די קדושה פון א"י.

נג) וואס איז טייטש "ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה".

נד) ערקלער דעם שווערן נסיון פון געלט שטיצע פאר מוסדות התורה דורך די ציוניסטען — פארוואס ווילען די ציונים אז די פרומע מוסדות זאלן נעמען ביי זיי געלט שטיצע.

נה) וואס איז דער קענן־כח רבינו הקוה"ט זי"ע האט געגרינדעט צו ראטעווען די מוסדות — וואס שרייבט רבינו הקדוש אלץ ציל צו גרינדן די מוסדות יטב לב אין א"י — וועלכעס יאר האט רבינו הקוה"ט זי"ע געגרינדעט דעם מוסד „קרן הצלה".

נו) די פייערדיגע רייד וואס רבינו הקוה"ט האט דעמאלט געזאגט.

נז) וואס מיינט עיברית — ווער האט דאס אויסגעטראפן — מעג מען דאס רעדן.

נח) וואס האבן די ציוניסטן געצילט מיט'ן ערפינדען די טמאינע שפראך.

נט) דער אונטערשייד צווישן עברית־העבראיש און די גוי'אישע שפראכן.

ס) דער סוף פונעם ערפינדער פון עיברית שר"י.

סא) דער סלאגאן פון ציוניסטישער ארמיי אנשטאט ישראל בטח בה'...

סב) דער אומגליק פון די פאבריצירטע ניסים — אויב עס וואלט חלילה יא געווען נסים פאר די ציונים מעג מען באגייסטערט ווערן דערפון? — פארוואס לאזט צי השי"ת אז רשעים זאלן קענען באווייזען נסים.

סג) פארוואס טאר מען נישט גיין צו דער כותל המערבי און די אנדערע מקומות הקדושים (קבר רחל ומערת המכפלה) וואס די ציונים האבן איינגענומען — וואס מיינט אבד תאבדון — וואס האבן די ציונים געטוען.

סד) איז שוין אמאהל געווען צייטן וואס די גרעסערער טייל פון כלל ישראל האבן געדינט די עבודה זרה צי ניין — האט מען דעמאלט געמעגט נאכגיין נאך רוב.

סה) ווען גייט אן דער כלל פון אחרי רבים להטות און ווען קוקט מען נישט אויף די מיינונג פון רוב — היינט צו טאג ווען רוב אידן זענען ל"ע עוברים על הדת מעג מען זיך רעכענען מיט'ן רוב.

סו) שרייב די ראי' אז מען טאר נישט האבן קיין שייכות מיט ציוניסטן אפילו אויפציטאן און פארגלייך צו די מיסיאנערן.

סז) וועמענס מיינונגען ווערן ערקלערט אין צייטונגען — זייער שעדליכער איינפלוס און זייער פאררעטערישע ראלע אין די פירונג פון דור.

סח) דער אמת'ער באדייט פון אהבת ישראל.

סט) וואס מיינט מלמד זכות זיין — אויף וועלכן איד טאר מען נישט מלמד זכות זיין.

ע) וואס איז דער וויכטיגסטער געברויך פאר די מענטשהייט אין א צייט פון אפיקורסים.

עא) וואס איז דער אינהאלט פון ברכת ולמלשינים — ווער האט דאס מתקן געווען.

עב) ווי אזוי איז מען אזוי פארנארט געווארן נאך די ציוניסטישע מדינה.

עג) וואס איז טייטש "הלא משנאיך ה' אשנא ובתקוממיך אתקוטט".

עד) וואס האט דער הייליגער צדיק ר' ישראל מריזשין זי"ע געזאגט פון פאראויס אויף די צייטן פון עיקבתא דמשיחא און וואס האט דער הייליגער צדיק ר' נחמן מברעסלאוו זי"ע געזאגט וועגן די צייטן.

עה) אקעגן וועלכען נסיון איז דער הייליגער ספר על הגאולה ועל התמורה געצילט אויפציקלערן — זיי מסביר דעם באדייט פון דעם נאמען.

עו) פארוואס האט רביה"ק זי"ע גערופען זיין חיבור „ויואל משה" צוויי טעמים.

עז) וויפיל מאמרים אנטהאלט דער ספר הקדוש ויואל משה — רעכען זיי אויס.

עח) זאג נאך די אלגעמיינע ווארענונג!

עט) וואס איז די פליכט פון עלטערן איינצופלאנצן אין די הערצער פון די זון און טעכטער.